STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04546

SOVETISHER DESPOTIZM – VI LANG?

William Nathanson

Permanent preservation of this book was made possible
by David Stockhammer
in memory of
Sylvia & Leon Stockhammer, lovers of Zion, devotees of Yiddish. Calgary, Canada

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

װ. נאַטאַנסאָן:

סאָװעטישער דעספּאָטיזם – װי לאַנג?

(ניי־סאָציאַליזם װערזוס
סאָװעטישן קאָמוניזם)

□

פאַרלאַג „אידישער קעמפּער״
ניו יאָרק, 1936

Copyright, 1936, by
William Nathanson, Chicago, Ill.

FUTURO PRESS, Inc.
476 Broadway, New York, N. Y.
200
Printed in U. S. A.

די פויסט

קלאַפּט דער האַמער, שלאָגט,
און דאָס אייזן שרייט געוואַלט, סע קלאָגט:
— גאָט מיט דיר, פאַרוואָס? פאַרוועזן? איך בין דיר
דאָך אַ ברודער! ביידע מיר גאָט'ס קינדער!
אייזן איך ווי דו—דאָס זעט אַפילו דאָך אַ בלינדער!
— סאַראַ ברודער (לאַכט דער האַמער), סאַראַ קינדער גאָט'ס?
איך בין פויסט און דו ליגסט אויפ'ן קלאָץ־

(משלים פון אליעזר שטיינבארג)

ראַ-טע-וועט . . .
ווער קאָן ראַטעווען? האַ?
ווער וועט ראַטעווען? ווער?
וו-ע-ר ק-אָ-ן ראַ-טע-וועז? וו-ע-ר?

(תנחום אין לייוויק'ס „גולם").

I

באַלד נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס זיינען צו דער מאַכט געקומען האָט לענין געשריבן: „די פאַרניכטונג פון דער רעגירונגס־מאַכט איז דער ציל פון אַלע סאָציאַליסטן, און בראש פון זיי — קאַרל מאַרקס. אָן דער פאַרווירקלאַכונג פון דעם דאָזיקן ציל קאָן דער אמת׳ער דעמאָקראַטיזם, ד. ה. גלייכהייט און פרייהייט, ניט פאַר־ווירקלאַכט ווערן. צו דעם דאָזיקן ציל פירט פראַקטיש נאָר די סאָוועטישע און פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע. זי ציט צו די אָר־גאַניזאַציעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן צו אַ באַשטענדיקער און אוממיטלבאַרער באַטייליקונג אין דער פאַרווירקלאַכונג פון שטאַט, און דערמיט הויבט זי באַלד אָן צוצוגרייטן זיין פולע אָפּשטאַרבונג.*

די האָפנונג אויף דעמאָקראַטיע, אויף פרייהייט און גלייכהייט האָט געפירט דערצו, וואָס לענינס שפּעטערדיקע פאָדערונג: „אָדער צוטרייבן די סאָוועטן, און זאָלן זיי שטאַרבן מיט אַ מיאוסן טויט, אָדער די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוועטן״ — האָט אַרויסגערופן אַ סך פרייד אין אַלע דורשטער נאָך פרייהייט און גלייכהייט. די בעסטע דעפיניציע פון אַ סאָוועטן־שטאַט ווי ער וואָלט געדאַרפט און געקאָנט זיין, האָט צו יענער צייט געגעבן דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר ראָס, אַליין ניט קיין סאָציאַליסט, אָבער אַ שטאַרקער ליבהאָבער און אָנהענגער פון אמת׳ער דעמאָקראַטיע און פון אמת׳ער פרייהייט און גלייכהייט.

ער האָט געשריבן: „די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע איז געבויט אויף אַ רעפּרעזענטאַציע לויט שטח. די באָלשעוויקעס באַציען זיך מיט פאַרדאַכט צו דער דאָזיקער ניט־קריסטאַליזירטער סטרוקטור, ווייל זיי האָבן דאָך געזען ווי זי מאַכט שלום מיט פּלוטאָקראַטיע אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע. ניין, זאָל דאָס פאָלק זיך גרופּירן לויט דער באַשעפטיקונג, ווען עס קלייבט זיינע פאָרשטייער, און דעמאָלט וועט עס באמת קענען אויף עפּעס באַ־

---

*) זע די בראָשור אויף רוסיש „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער סאָוועטן־פאָרם״.

שטיין. וואָס איז שייך די, וואָס האָבן ניט קיין באַשעפטיקונג, וואָס אַרבעטן ניט פאַר זייער חיונה, פאַרוואָס זאָלן זיי צוגעלאָזן ווערן צו פאַרפינצטערן אָדער צו פאַרדאַרבן די דאָזיקע גרינגע דעמאָקראַטיע? פאַרוואָס זאָל דאָס „פּשוט'ע פאָלק", ווען עס האָט שוין יאָ די גאַנצע מאַכט, טאָלערירן אין זיינע ראַטן די באַאומרוהיקנדיקע אָנוועזנהייט פון שונאים, וואָס מיט זיי קאָנען ניט געמאַכט ווערן קיינע קאָמפּראָמיסן, און וואָס זיי האָט עס בדעה אונטערצואוואַרפן דעם שרעקלאַכן שיקזאַל פון מוזן־אַרבעטן? עס זיינען געווען אַ סך שטאַטן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון אייגנטום־באַזיצער ביז צו דער פולשטענדיקער אויסשליסונג פון אַרבעטער. דער איצטיקער סאָוועטן־שטאַט איז דער ערשטער אין דער וועלט־געשיכטע געפירט צו ווערן פון אַרבעטער ביז צו דער פולשטענדיקסטער אויסשליסונג פון אייגנטום־באַזיצער".

פּראָפעסאָר ראַס האָט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דער אייגנטום־באַזיצער און דער אַרבעטער קאָנען אינאיינעם ניט בילדן קיין געזעץ־געבנדיקע קערפּערשאַפט אין אמת'ן זין פון וואָרט. דער אייגנטום־באַזיצער מוז באַפרייט ווערן פון זיין אייגנטום. נאָכדעם ערשט קאָן ער אָנטייל נעמען אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּאָליטיק ניט אַלס איינוואוינער פון אַ געוויסער טעריטאָריע נאָר אַלס אַרבעטער ביי אַ געוויסער אונטערנעמונג אָדער באַשעפטיקונג.

דער אידעאַל פון אַ מענשהייט, איינגעטיילט בלויז פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעט און פאָלק, האָט אויף אַ קליינינטשקער ווילע אַ בליץ געטאָן פאַר די אויגן פון מיליאָנען אַרבעטער און ניט־אַרבעטער, וועמען עס זיינען ליב פרייהייט און גלייכהייט. זיי האָבן אין דער סאָוועטישער פאָרם פון רעגירונג דערזען דאָס ערשטע קערנדל פון דער פאַרווירקלאכונג פון דער עקאָנאָמישער גלייכהייט, דעם שטאַרקסטן זייל פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט. די אידייע פון סאָציאַל־פּאָליטישע שייכות'ן, וואָס דאַרפן פירן צו דער פאַרניכטונג פון יעדן שטאַט, איז פאַר אַ געוויסן מאָמענט, אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ליב געוואָרן די וואָס ליבן פרייהייט און גלייכהייט. זיי האָבן דערפילט און מיט רעכט אויפגענומען דעם סאָוועטיזם ווי דעם העכסטן אויסדרוק פון דעם פּראָגרעסיווסטן סאָציאַל־פּאָליטיש און נאַציאָנאַל־קולטורישן געדאַנקען־שטראָם. און אַזוי וואָלט עס באמת געדאַרפט און געקאָנט זיין אונטער אַ סאָוועטישער פאָרם פון רעגירונג ווען זי זאָל זיין אין די הענט פון ניט־מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן. עס קאָן אָבער בשום אופן אַזוי ניט זיין אין די הענט פון מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן, און אודאי און אודאי ניט אין די הענט פון באָלשעוויקעס, וואָס האָבן די פאַלשסטע און שעדלאַכסטע עלעמענטן אין דעם מאַרקסיזם געטריבן צו זייערע אַלערלעצטע קאָנסעקווענצן.

שטיצנדיק זיך אויף דער מאַכט ניט פון די סאָוועטן, וואָס זיי איז נאָך נישט געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט זיך צו אָרגאַניזירן, נאָר אויף דער מאַכט פון דער רויטער אַרמיי, האָט לענין אײַנגיכן און ניט אין אַ סאָציאַליסטישן טאָן דערקלערט, אַז אַ ריקזיכטלאָזער קריג מוז דערקלערט ווערן קעגן די אַנאַרכיסטן, די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דאָס האָט געמיינט אַ קריג קעגן אַלע, וואָס האָבן אַנדערע באַגריפן וועגן דער איינשטעלונג פון אַ נייער, ניט־לעניניסטישער אָרדנונג אין רוסלאַנד. און זאָל דאָ שטאַרק באַטאָנט ווערן, אַז די דאָזיקע דערקלערונגען וועגן דער נויטיגקייט אויסצוראָטן אידייאישע קעגנער זיינען געמאַכט געוואָרן אויף די קאָנגרעסן ניט פון סאָוועטן, ניט פון אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, נאָר אויף די אַלערליי צוזאַמענפאָרן פון די הויך־שטייענדיקע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט מיט געוואַלט און דורך בלוט־פאַרגיסונג זיך גענומען דאָס רעכט צו רעדן און צו האַנדלען אין נאָמען פון די אויסגעמאַטערטע, דערדריקטע און אומוויסנדיקע מאַסן.

צו דער באַשטענדיקער און אוממיטלבאַרער באַטייליקונג אין דער פאַרוואַלטונג פון שטאַט, זיינען ניט צוגעלאָזן געוואָרן, ווי לענין האָט צוגעזאָגט, אַלץ מער און מער אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער־מאַסן, נאָר פאַרקערט, זיי זיינען אַלץ מער און מער פון איר באַזייטיקט געוואָרן. אַזוי אַרום איז די מאַכט אַריין ניט אין אַרבעטער־הענט נאָר אין הענט, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט, קיינמאָל ניט פאַרזוכט אפילו דעם טעם פון אַרבעט. עס איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער געוואָרן אַ דיקטאַטור פון כיטרע, אייגננוציקע מענשן און מענשעלאַך איבער דער נאַאיווער און שטומפּיקער מאַסע, וואָס מען האָט מיט דער הילף פון שווערדן און ביקסן געצוואונגען זיך בוקן צו אַ נייעם געץ, אַנשטאָט אַן אַלטן. וואָס שטאַרקער און האַרטער איינעמס גלייכגילטיגקייט אין באַנוצן פון ביקסן און שווערדן, וואָס אייגננוציקער און ריקזיכטלאָזער איינער האָט געקענט זיין אין זיין ראָל פון קאַפּיטאַן אָדער גענעראַל איבער די אַרבעטער, אַלץ אַ חשוב׳ערן און אָנזעעוודיקערן אָרט האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס זיינען יענע קוואַליטעטן אין סטאַלינען, וואָס האָבן אים געגעבן די אויבערהאַנט איבער טראָצקין. עס איז ווידער טראָצקיס קורצע אָבער פעסטע הערשאַפט, זיין שטרענגע און קאַלטע דיקטאַטור וואָס האָט אין די אויגן פון די מאַסן, מענשן אין אָפּגעטער פאַרוואַנדלט. דערפאַר איז דאָס איצט סטאַלין דער שענסטער און דער נעראָטנסטער, דער קליגסטער און דער אַליין־און־אַלץ זעעוודיקער. ער איז דער מוח, דאָס האַרץ און די נשמה פון דער רעוואָלוציע. אין זיין נאָמען זיינען ביז דעם טאָג פון 25טן

אויגוסט, 1936, יאָרן־לאַנג באַגאַנגען געוואָרן אין דער שטיל ברודער־מאָרדן.

אַ שרעקלאַכע דאַטע פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיקע מענשן איז אָבער דער 25טער אויגוסט, 1936.

דעם 25טן אויגוסט, 1936, זיינען 16 ניט אַנאַרכיסטן, ניט מענשעוויקעס, ניט סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, נאָר 16 באָלשעוויקעס — צווישן זיי איניקע ערשטגראַדיקע גרינדער פון דעם באָלשעוויזם און מעכטיקע אָנפירער פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע — אין דער עפנטלאַכקייט צום טויט דערשלאָגן געוואָרן פון באָלשעוויקעס. דערשלאָגן געוואָרן פריער גייסטיק און נאָכדעם פיזיש. און איצט ווערט, מיט אַ פרעכקייט און אומפאַר־שעמטקייט, וואָס קיינע דעספּאָטן האָבן זיך ביז איצט ניט דער־לויבט, געפאָדערט פון דער נאָרוועגישער רעגירונג, אַז זי זאָל ארויס־געבן טראָצקין, כדי ער, דער „וויצע־לענין", זאָל האָבן די זכיה צו זיין דער זיבעצענטער ברודער־באָלשעוויק, וואָס זאָל אין דער עפנטלאַכקייט, פריער גייסטיק, נאָכדעם פיזיש, געטויטעט ווערן.

און איצט וועלן טעג קומען, טעג וועלן פאַרגיין, און נעכט וועלן קומען, נעכט וועלן פאַרגיין, און יעדן טאָג און יעדע נאַכט וועלן אין רוסלאַנד — הלואי זאָל איך ליגן זאָגן — ברודער־מאָרדן געשען, אַלץ אין נאָמען פונם אָפּגאָט סטאַלין.

אין זיין מעשה׳לע „קין און הבל" דערציילט אונז פּרץ וועגן א קין, אַ בעל־חלום און אַ שניצער. מיט זיינע אייגענע הענט, האַלטנדיק אין זיי מעסער און האַק, הובעל און זעג, האָט ער דעם גאָט, וואָס ער האָט אין חלום געזען, אויסגעשניצט פון אַן אָפּגע־רייניקטן בוים־שטאַם, וואָס איז געפאַלן אונטער זיין האַק.

„און גרויסע אויגן האָט ער אים געמאַכט — גאָט זעט פון עס וועלט ביז עק — אָבער ניט גלייכע אויגן:

קוקט איין אויג לייטזעליק און באַשענקענדיק ליב — גאָט איז אַ גוטער!

דאָס צווייטע — שטרענג: אַ ריכטער איז גאָט אַ שטרענגער און באַשטראָפט יעדן זינדיקן.

און אין האַנט האָט ער אים אַ הענגל טרויבן ארייננגע־שטעלט — פרוכטבאַרקייט איז דער גוטער גאָט!

די צווייטע האָט ער אויף אַ פויסט פאַרשניצט און זיין האַק אין דעם פויסט ארייננגעשטעקט — דעם זינדיקן אָפּשרעקן! גאָט שטראָפט!

און פאַרטיק איז געוואָרן דער גאָט, און ער האָט אים אויפגע־שטעלט און — פאַלט פאַר אים אויף די קני!

און ווען הבל וואַגט אַ שלעכט וואָרט צו זאָגן אויף קין׳ס

געטשקע, שרייט אויס קין אין ברענענדיקן צאָרן: „פאַרשטאָפּ דאָס לעסטער־מויל! באַנוץ דיין האַק פאַר'ן זינדיקנ'ס קאָפּ!"

און ער פאַלט נאָך אַמאָל אויף די קני און ער בעט, ניין, ער פאַרלאַנגט: שטרעק אויס דיין האַנט און שטראָף, און ווילסטו ניט? מוז איך עס טאָן: איך, דיין נביא, דיין קנעכט!

און ער שפּרינגט אויף און מיט דער האַק פון גאָט'ס האַנט ארויס האָט ער זיין ברודער'ס קאָפּ געשפּאָלטן!

קעפּ אָן אַ שיר פון די הבל'ס, וואָס היינט גייען זיי אונטערן נאָמען טראָצקיסטן און מאָרגן אונטער אַן אַנדער נאָמען, וועלן די קינ'ס שפּאַלטן — היינט אונטער דעם נאָמען סטאַליניסטן, מאָרגן אונטער אַן אַנדער נאָמען. און בלוט וועט זיך גיסן, וועט שטראָמען אין דער גרעסטער מדינה אין דער וועלט — רוסלאַנד. טאַטעס וועלן זייערע קינדער שעכטן און די קינדער זייערע טאַטעס; ברידער — זייערע שוועסטער, און שוועסטער — זייערע ברידער. די דאָזיקע אַלע טאַטעס און אַלע קינדער, אַלע ברידער און אַלע שוועסטער וועלן געהערן צו דעם איין־און־איינציקן קלאַס, אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע שחיטות וועלן געפירט ווערן פון יעדן איינעם אין נאָמען פון זעלביקן קלאַס וואָס דאַרף די וועלט דערלייזן. און איין אָפּגאָט וועט אויף אַ ווײַלע טריאומפירן איבער דעם אַנדערן, איין תליון וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון אַנדערן תליון. אָפּגעהיט וועט ווערן דאָס געזעץ פון בלוט פאַר בלוט און אָנגיין וועט דער פּראָצעס פון: „קין און הבל געשטאָרבן, לעבן זאָל קין און הבל". טריאומפירן וועלן די טייוואָלים און טרויערן וועלן די מלאָכים, און איין שלעכטס נאָכן אַנדערן וועט חבר טאָן צו חבר, און געשענדט און באַליידיקט וועט ווערן אַלץ וואָס איז דערהויבן און אַלץ וואָס איז הייליק. *)

ווי לאַנג?

אַזוי לאַנג ווי די דיקטאַטור פון איין פּאַרטיי וועט הערשן אין רוסלאַנד; אַזוי לאַנג ווי זאָגן אָדער שרייבן אַ וואָרט וועט מעגן נאָר דער, וואָס האָט הינטער זיך פּילצאָליקע ביקסן און שווערדן, קאַנאָנען און עראָפּלאַנען און אַלע אַנדערע כלי־זין און כלי משחיתים; אַזוי לאַנג ווי די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע מאַכט וועט זיין אין די הענט פון אַ הייפעלע, וואָס האָט די מעגלאַכקייט צו מעכאַניזירן און עקספּלואַטירן די פינצטערע און קנעכטישע מאַסן, וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג פינצטערער און קנעכטישער.

---

*) זע ראָבערט בראַונינגס ליד „לאָסט לידער".

II

מיט פינף יאָר צוריק האָט אַ רוסישער שרייבער געלאָזט אין זיינער אַ דראַמע, וועלכע האָט זיך, ווייזט אויס, דורך אַ נס דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך דער צענזור, אויסשרייען צו זיינע חברים: „וואָס פרייט איר זיך, פון וואָס ווערט איר נתפעל? איר זייט דאָך נישט מער ווי שאָף. איר זאָגט איבער פרעמדע פראַזן און פרעמדע געדאַנקען, וואָס מען האָט אויף אייך ארויפגעצוואונגען. איר פאַרשטייט נישט דעם אומגליק, וואָס איר אַלע לעבט אין אים. איר זייט גרייט מיך צו פאַרשטיינען, ווייל איך בין אַנדערש ווי איר, ווייל איך האָב דעם מוט אַנדערש צו זיין. איר מיינט, אַז איר מוזט אַלע זיין ווי פון איין טייג געקנאָטן. איך ווער דערשטיקט פון אַזאַ לעבן. — — — איר האָט נאָך קיין אמת'ע מענשן ניט געזען. איר זייט ארומגערינגלט פון לעבעדיקע מאַשינען און איך וויל לעבן צווישן מענשן! שוין דרייצן יאָר ווי מיר לעבן אַן אָרימען, גרויען, פאַרבלאָזן לעבן פון שקלאַפן. שוין דרייצן יאָר ווי מיר האָבן קיין פריש וואָרט ניט געהערט. שוין דרייצן יאָר ווי מען לאָזט צו אונז קיין פרישן געדאַנק ניט צו. ווי קאָן מען לעבן אין אַ וועלט, וואו אַלץ איז ארויפגעצוואונגען? איך קען עס שוין מער נישט אַריבערטראָגן".

די פאַרוואַנדלונג פון מענש אין מאַשין איז אָנגעגאַנגען די לעצטע פינף יאָר מיט אַן אויסערגעוויינלאכן אימפעט, און איצט האָט די גייסטיקע שקלאַפעריי אין רוסלאַנד קיין גלייכן ניט צו זיך אין קיין שום לאַנד אַחוץ די פאַשיסטישע לענדער. די דאָזיקע אומפאַרגלייכלאַכע שקלאַפעריי, אומפאַרגלייכלאַכע דערשטיקונג פון וואָרט און שריפט, האָט זיך אָנגעהויבן אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ סך פריער איידער אין די פאַשיסטישע לענדער, פונקט אַזוי ווי די סאָוועט־רוסישע טשעקאַ איז געקומען פריער פון דער דייטשער געסטאַפאָ. איז עס אַ וואונדער וואָס פון די ווערטער און געדאַנקען פון די רוסישע מאַסן האָט זיך אָפגעטאָן יעדער ברעקעלע פרישקייט? איז עס אַ וואונדער וואָס עס איז אַזוי גיך נאָך דער אַזוי גערופענער סאָציאַלער רעוואָלוציע מקוים געוואָרן דאָס, וואָס פּרץ

האָט אין זיין „שרעק און האָפנונג" פאָראויסגעזאָגט אין דער צייט נאָך, ווען עס האָט געהערשט דער צאַריזם; ווען אַזויפיל מענשן האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דער דערלייזונג פון דער מענשהייט דורך דעם סאָציאַליזם?

דער מאַטעריאַליזם, די שטאַרקע באַטאָנונג פון מעכאַניק און עקאָנאָמיק אין דעם סאָציאַליזם האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף פּרצ'ן און ער האָט געציטערט פאַר דעם זיג פון די מאַרקסיסטישע, מאַטעריאַליסטישע סאָציאַליסטן. ער האָט געשריבן:

„איך שרעק מיך פאַר באַצוואונגענע, וואָס זיגן; עס קאָנען פון זיי באַצווינגער ווערן און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענשלאַכן גייסט".

„און איר וועט מעכאַניזירן דאָס לעבן און הייסן עס פאַר־ברענען אין קאַשאַרן".

„עס וועלן קיין שטיבער אָן פענסטער ניט זיין, נאָר אין נעפל וועלן איינגעהילט זיין נשמות".

„און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיגקייט, און איר וועט ניט פילן דעם זומפּ אונטער אייערע פיס".

נאָך גאָר אין אָנהויב פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים האָט דער פילאָזאָף בערטראַנד ראַסעל, אַ סאָציאַליסט פון דעם ניט־מאַרק־סיסטישן חדר, באַזוכט רוסלאַנד און באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם דאָזיקן רעזשים, האָט ער געשריבן: „איך גלויב, אַז דאָס איז וואָס עס וועט וואַרשיינלאַך פּאַסירן אין רוס־לאַנד: עס וועט עטאַבלירט ווערן אַן אַריסטאָקראַטישע ביוראָ־קראַטיע. זי וועט קאָנצענטרירן אין אירע אייגענע הענט און וועט באַשאַפן אַ מער דערדריקנדיקן און אַ מער אַכזריות'דיקן רעזשים איידער דער רעזשים פון קאַפּיטאַליזם. די מאַרקסיסטן האָבן קיינ־מאָל נישט געגנוג אָנערקענט, אַז די ליבע צו מאַכט איז אַקוראַט אַזאַ שטאַרקער מאָטיוו און אַקוראַט אַזאַ גרויסער קוואַל פון אומ־גערעכטיגקייט ווי די ליבע צו געלט — — — מאַכט איז זיס, און בלויז אייניקע מענשן זאָגן זיך אָפּ פריווויליק פון איר. עס איז כמעט אומפאַרמיידלאַך, אַז מענשן וואָס ווערן אַוועקגעשטעלט אין דער לאַגע, וואָס אין איר זיינען די באָלשעוויקעס אַוועקגעשטעלט געוואָרן, זאָלן קריגן חשק זיך אָפּצוזאָגן פון דעם מאָנאָפּאָל איבער דער מאַכט. זיי וועלן שווין געפינען אורזאַכן אויף צו בלייבן ביי דער דאָזיקער מאַכט ביז אַ נייע רעוואָלוציע וועט זיי אַרונטער־וואַרפן! וועט עס ניט זיין פאַטאַל גרינג פאַר זיי, אָן אַ וועלכן עס איז בייט פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט וועגן הויכע שכירות פאַר הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און אויף אַזאַ אופן איינפירן אומגלייכהייטן פון פאַרמעגן? וואָס פאַר

א מאָטיוו וועלן זיי האָבן דאָס ניט צו טאָן? וואָס פאַר א מאָטיוו איז מעגלאַך אחוץ אידעאַליזם, ליבע פאַר דער מענשהייט, אומ־עקאָנאָמישע מאטיוון פון דעם מין וואס די באָלשעוויקעס מאַכן זיי צו גאָרנישט?"

ברייננענדיק די דאָזיקע ווערטער אין מיין ווערק „קולטור און ציוויליזאַציע", וואָס איז געשריבן געוואָרן בלויז פינף יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָב איך צוגעגעבן: „וואָס ראָסעל האָט פאָראויסגעזאָגט איז מקוים געוואָרן שנעלער אפשר ווי ער אליין און אנדערע האָבן עס דערוואַרט. אנדערש זיין האָט עס נישט געקאָנט: קוים נאָר עקזיסטירט אין דער געזעלשאַפט אַן אויסגערעכנטע באַלוינונג פאַר ארבעט; קוים נאָר ווערט מענש־לאַכע ענערגיע געוואויגן און געמאָסטן, און אירע אויסדרוקן אין פאַרשיידענע פאָרמען באַקומען אנערקענונג דורך א העכערן און נידעריקן לוין — מוז שוין אומבאַדינגט גיין צום גרונט די איינ־קלאַסיגקייט פון דער געזעלשאַפט. קוים ווערט נאָר אויף א האָר אָנגערירט די געזעלשאַפטלאַכע גלייכהייט, מוז באַלד נאָכדעם נאָכפאָלגן די פאַנאַנדערטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסן. מענשן, וואָס צוליב זייער נויטיגקייט אָדער חשוב'קייט פון זייער ארבעט ווערן זיי פּאָליטיש אָדער סאָציאַל אָוועקגעשטעלט אין א בעסערער לאַגע ווי די אנדערע, קאָנען בשום אופן ניט באַטראַכטן זיך ווי מיטגלידער פון איין קלאַס מיט די אנדערע. עס מוז פריער אָדער שפּעטער אנטשטיין אַן אומ'ברחמנות'דיקער קלאַסן אַנטאַ־גאָניזם. די מענשן, וואָס וועגן און מעסטן, שאַצן און באַשטימען, מוזן זיך דערפילן ווי הערשער איבער די, צו וועמען די חלקים ווערן אָפּגעוועגן און אָפּגעמאָסטן, איבער די וועמעס ארבעט עס ווערט געשאַצט און וועמען דער לוין ווערט צוגעטיילט. די דאָ־זיקע הערשער מוזן תיכף דערשפּירן די זיסקייט פון צו זיין דאָס אויבערשטע פון שטייסל, און עס דויערט ניט לאַנג ביז זיי הויבן אָן צו טאָן אַלץ אין זייערע כחות אויף אָנצוהאַלטן די דאָזיקע פּריווילעגירטע פּאָזיציע. אויב זיי קענען עס נישט דערגרייכן אויף שיינע און ערלאַכע אופנים, וועלן זיי עס זיכער טאָן, ווי עס איז אַלעמאָל געטאָן געוואָרן, אויף מיאוסע און עקלהאַפטע".

אין ליכט פון די איצטיקע געשעענישן אין רוסלאַנד איז וויכטיק צו ברייננען פון „קולטור און ציוויליזאַציע" אויך די פאָלגענדיקע פּאַראַגראַפן:

„מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק האָבן שוין מענשן גע־טראַכט וועגן דער אומגערעכטיגקייט, וואָס מוז באַגאַנגען ווערן פון די, וואָס ווערן באַשטימט אַלס רעגירער, צו די וואָס ווערן אַוועק־געשטעלט אין דער לאַגע פון רעגירטע. אין פּלאַטאָס „רעפּובליק" לייענען מיר, למשל, דעם פאָלגענדיקן זאַץ:

„די פאַרשיידענע פאָרמען פון רעגירונגען מאַכן געזעצן — דעמאָקראַטישע, אַריסטאָקראַטישע, טיראַנישע — אַלע אין זינען האָבנדיק זייערע אייגענע אינטערעסן. די געזעצן וואָס ווערן געמאַכט פון זיי פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן זיינען עס די גערעכטיגקייט וואָס זיי שטעלן צו צו זייערע אייגענע אונטערטאַנען, און זיי באַשטראָפן ווי געזעץ־ברעכער די יעניקע וואָס איבערטרעטן זיי. דערפאַר זאָג איך, אַז אין אַלע רעגירונגען איז פאַראַן דער זעלביקער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט — דער אינטערעס פון דער רעגירונג".

אין דעם דאָזיקן זאַץ פון פּלאַטאָ'ס „רעפּובליק" האָב איך מיך דערמאָנט — אַזוי האָב איך געשריבן צו יענער צייט — ווען איך האָב געלייענט אַלגינ'ס אַן אַרטיקל, וואָס אין אים גיט ער איבער כמעט ווערטערלאַך אַ געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט אַן אינטעליגענטן אַרבעטער אין רוסלאַנד. דאָס זעט אויס צו זיין אַן אַרבעטער, וואָס האָט פּלאַטאָ'ס „רעפּובליק" ניט געלייענט, נאָר איינקוקנדיק זיך מיט ליכטיקע אויגן אין דער אַרבעט פון דער רויטער אַרמיי, אויף דער אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע, קומט ער צום זעלביקן געדאַנק וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער „רעפּובליק" מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק: —

„דער פּויער און דער אַרבעטער וואָס טרעטן אַריין אין דער רויטער אַרמיי, אָדער וואָס נעמען אָן אַן אַמט אין דער סאָוועטן־רעגירונג, קאָנען שוין ניט מער אין זינען האָבן און דינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויערים. דערמיט גופא, וואָס זיי זיינען געוואָרן רויטע סאָלדאַטן און רעגירונגס באַאַמטע, זיינען זיי געוואָרן מיטגלידער פון אַן אַנדער קלאַס".

„דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז דאָ האַנדלט עס זיך וועגן אַ רעגירונג און אַן אַרמיי, וואָס האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, נאָר־וואָס אויסגעפּיקט פון איי. דאָס איז אַן אַרמיי און אַ רעגירונג, וואָס האָבן מיט אייגענע אויגן געזען דאָס בלוט, וואָס צענדליקער טויזנטער קדושים האָבן פאַרגאָסן פאַר דער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט. אין זייערע אויערן קלינגען נאָך די אויסגעשרייען: „לעבן זאָל די פרייהייט!!" פון די וואָס זיינען אויף אייביק שטום געוואָרן".

„היינט וואָס וועט שוין זיין, ווען די אויגן פון די וואָס שטייען איצט ביים רודער וועלן אויסגעלאָשן ווערן, און אַ נייער דור וועט אויפשטיין — אַ דור, וואָס זיין נשמה וועט ניט דורכגענומען ווערן מיט דעם ציטער, וואָס נאָר די פרישקייט פון דער רעוואָלוציע קען אַרויסרופן? ווי שטאַרק און ווי געטריי וועט דער באַאַמטער און דער רויטער אַרמייעץ דינען זייערע אייגענע אינטערעסן אַנשטאָט

די אינטערעסן פון די וואָס שטייען מחוץ דער רעגירונג און מחוץ דער אַרמיי, ווען דאָס בלוט פון קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכהייט וועט שוין זיין פאַרגליווערט און פאַרטריקנט?"

„און אויב דער קאַמף צווישן די צוויי קלאַסן, דעם בורזשואַזן און אַרבעטער קלאַס, ווען ער איז אַן ערפאָלג, פירט דערצו, אַז אַנשטאָט אַן אַרבעטער און בורזשואַזן קלאַס זאָלן ווערן פון דאָס ניי צוויי נייע קלאַסן, אַ קלאַס וואָס הערשט און אַ קלאַס וואָס איז באַהערשט, אַ פּריווילעגירטער קלאַס און אַ ניט־פּריווילעגירטער קלאַס, מיינט עס, אַז אויך די חורבות פון דער בורזשואַזער אָרדנונג וועט אויפשטיין אַן אָרדענונג, וואָס וועט זיין אַנדערש אין פאָרם, אָבער די זעלביקע אין אינהאַלט. עס מיינט, אַז די אונטערדריקונג און די אומגלייכהייט, די פאַלשקייט און פאַרדאָרבנקייט, וואָס שרייט אַרויס איצט פון יעדן אבער פונם געזעלשאַפטלאַכן קערפּער, וועלן אַריבערגעטראָגן ווערן ווי זיי שטייען און גייען פון דער בורזשואַזער אָרדענונג אין דער אָרדענונג, אין וועלכער דער אַרבעטער וועט זיין דער גאַנצער דעה־זאָגער".

נו, ווי זשע איז עס איצט, דרייצן יאָר נאָכדעם ווי די אויבן־געבראַכטע פּאַראַגראַפן זיינען געשריבן געוואָרן? איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ דיקטאַטאָרישע אַרבעטער־רעגירונג איבערשטייגט אין אונטערדריקונג, אומגערעכטיגקייט, פאַלשקייט, פאַרדאָרבנקייט, יעדע דעמאָקראַטיש־בורזשואַזע אָרדענונג.

די געשעעניש פון דעם 25טן אויגוסט, 1936, צווינגט אונז צוצוגעבן צו די אויסצייכענונג־שטריכן פון אַ דיקטאַטאָרישער אַרבעטער־אָרדנונג אויך די שטריכן פון אומגעהערטער ברוטאַליטעט און דעגענעראַציע. ווייל אויב עס איז טאַקע אמת, אַז די זעכצן, וואָס זיינען געטויטעט געוואָרן (מיט 48 שעה פריער נאָך איידער עס איז גוטיק געווען לויט דער באַשטימונג פון דעם ריכטער) און דער זיבעצענטער ביי וועמען מען בעט זיך רחמים ער זאָל קומען און זיך לאָזן טויטן — זיינען באמת שולדיק אין וואָס מען באַשולדיקט זיי, איז דאָך די גייסטיקע געפאַלנקייט פון די וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַן אומגעהערטן ביז איצט כאַראַקטער.

איין פּאַראַגראַף פון דעם באַשולדיקונגס־אַקט לייענט זיך:

„זומער, 1935, האָט ל. טראָצקי דורך זיין זון ל. סעדאָוו „אַריבערגעוואָרפן" פון דייטשלאַנד קיין ס.ס.ס.ר. דעם טעראָריסט וו. אָלבערג, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַ פיקטיוון פּאַספּאָרט פון אַן אונטערטאַן פון דער רעפּובליק האָנדוראַס. דעם דאָזיקן פּאַספּאָרט האָט וו. אָלבערג ערוואָרבן מיט דער הילף פון דער דייטשער געהיים־פּאָליציי (געסטאַפּאָ), באַקומענדיק אַ פאָרלויפיקע הסכמה

פון טראָצקין דורך זיין זון סעדאָוו באַנוצן זיך אין דעם דאָזיקן ענין מיט דער מיטהילף פון דער דייטשער געהיים־פּאָליציי".

די עטיק, גלויב איך, באַרעכטיקט קאָנספּיראַציעס און געוויסע טעראָריסטישע אַקטן ווי אויך די געוויסע וועגן אין וועלכע זיי ווערן דורכגעפירט — נאַטירלאַך, נישט אין יעדן לאַנד, נאָר בלויז אין אַ לאַנד וואו די דעספּאָטיע גיט ניט קיין שום מעגלאַכקייט דעם בירגער צו קומען שריפטלאַך אָדער מינדלאַך צום אויסדרוק, וואו זי דערלאָזט ניט, אַז עס זאָל געהערט ווערן זיין מיינונג וועגן דער איינשטעלונג פון שייכות'ן צווישן מיטגלידער אין זיין געזעלשאַפט און צווישן קינדער פון זיין פאָלק.

וואָס טאַקע, פרעגט זיך, זאָלן טאָן די מענשן מיט אַ דעס־פּאָטיע אין לאַנד, וואָס טויטעט דעם גייסט אין מענשן און וויל אים רעדוצירן צו אַ צוויי־פיסיקער חיה? וואָס דען אַנדערש אויב נישט חיה קאָן דער מענש ווערן אויב מען פילט אָן זיין מאָגן גענוג אויף צו דערהאַלטן זיין חיה'שע עקזיסטענץ, אָבער זיין צונג און זיין פּען דערלויבט מען ניט זיך צו באַוועגן אַנדערש ווי עס ווערט דיקטירט פון דער העכסטער אינסטאַנץ — פון דער אַליין־הערשנ־דיקער און אַלמעכטיקער?

אויב עס איז פאַראַן אַ פאַל אין דער וועלט (און עס זיינען פאַראַן אַ סך מענשן וואָס גלויבן, אַז אין געוויסע פאַלן איז מען באַרעכטיקט צו נעמען יענעמס לעבן) — איז דעספּאָטיע און אונ־טערדריקונג פון פרייען מינדלאַכן און שריפטלאַכן אויסדרוק — אַזאַ פאַל. עס איז איינער פון די פאַלן, ווען מען מעג, איינ־שטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, דורכשלאָגן אַ וועג צו פרייהייט דורך דעם טויט פון די דעספּאָטן און אונטערדריקער. און דערפאַר ציילט די געשיכטע די שענסטע פּערזענלאַכקייטן צווישן די טעראָ־ריסטן־רעוואָלוציאָנערן.

גרויסע עטישע פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן טראָגט אָבער אויף זיך דער טעראָריסט־רעוואָלוציאָנער. דאָס מינדסטע עובר זיין אויף אַ געוויסן עטישן לאו קאָן פאַרוואַנדלען דעם טעראָריסט־רעוואָלוציאָ־נער אין אַ באַנדיט און אַן אויסוואורף. אַ טעראָריסט, למשל, וואָס זאָל דינגען מענשן, אַז זיי זאָלן טויטן פאַר אים דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט אַז ער זאָל טויטן; אַ טעראָריסט וואָס זאָל זיך פאַראייניקן מיט נידעריקע ברואים, כדי אויף אַ דער־פאָלגרייכן אופן דורכצופירן דעם טעראָריסטישן אַקט, וועט שוין נישט מער באַצייכנט ווערן מיט דעם טיטל העלדישער רעוואָלוציאָ־נער. ער ווערט שוין דעמאָלט עפּעס אַזעלכס, וואָס קאָן שוין נישט מער מיט קיין אַדיעקטיוו בעצייכנט ווערן שאַרף גענוג.

פאַר אַנטי־סטאַליניסטן צו פאַרבינדן זיך אויף דעם מינדעסטן אופן מיט דער דייטשער געסטאַפּאָ; פאַר זיי אָנצוקניפּן וואָסערע

עס איז פאַרבינדונגען מיטן נאַציזם, כדי פּטור צו ווערן פון סטאַ־לינען און אַפילו פון דעם גאַנצן סטאַליניזם, איז עפּעס אַזעלכס וואָס די מענשלאַכע שפּראַך וועט ערשט דאַרפן אַנטוויקלען אַ וואָרט, וואָס זאָל שאַפן פאַר אונז דעם נויטיקן באַגריף פון אַזאַ עקלהאַפטיקייט. זאָלן די באַשולדיקונגען אין דעם אויבן־געבראַכטן פּאַראַגראַף טראָגן אין זיך אַ וואָסער עס איז קערנדל פון אמת, איז די דעגענעראַציע פון אַ סאָציאַליסט ווי טראָצקי אַ וואָרנונג אַז עטוואָס איז פאַרפוילט אין דעם היינטיקן סאָציאַליזם, און זיינע גרונט־לאַגן מוזן דעריבער ווערן פון דאָס ניי רעווידירט.

זיינען ווידער די באַשולדיקונגען צוגעטראַכטע און זיינען זיי מיטלען בלויז אויף אָפּצוראַמען פון וועג וואָס גיכער און וואָס ריקזיכטלאָזער אידייען־קעגנער — איז די ברוטאַליטעט דאָ אַזעלכע, וואָס מאַכט אונז אַלעמען שטום אַפילו קעגן דער ברוטאַליטעט פון די נאַצים און די פאַשיסטן.

און ווי מיט דעם טויט־אורטייל פון די 16, אַזוי אויך מיט זייער ודוי.

איז די דאָזיקע ודוי אויסגעטראַכט אָדער צוגעטראַכט אָדער אַן ארויפגעצוואונגענע דורך געוויסע אינקוויזיציע־מיטלען — וואָס זיינען נאָך פון קיינע אינקוויזיטאָרן ביז איצט נישט אָנגענומען געוואָרן — איז אויך דאָ ווידער געקומען צום אויסדרוק אַ ברוטאַ־ליטעט וואָס בעסטיעס מעגן אויף איר באמת מקנא זיין. איז די ודוי ווידער אַ פריוויליקע, דעמאָלט איז זי אַן אויסדרוק פון אַזאַ ווערימדיגקייט, פון אַזאַ גייסטיקער נישטיגקייט און געפאַלנקייט, פון אַזאַ דעגענעראַציע פון מענש, וואָס מישט אויף אַ ניי בלאַט פון מענשלאַכער אומווירדיגקייט און קריכערישקייט. און האָט שוין דיקטאַטור פון אַרבעטער־פּאַרשטייער איבער דעם פּראָלעטאַריאַט אָנגעשריבן, זאָל זיין אַפילו, נאָר איין אַזאַ עקלהאַפטע בלעטל, וועלן זיך שוין אַזעלכע בלעטלאַך מערן און מערן ווי קריכעדיקע אין געמויזאַכצן און זומפּן.

ווי לאַנג?

אַזוי לאַנג ווי עס וועט אָנהאַלטן די דיקטאַטור; אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון געוויסע מאַרקסיסטישע גרונט־לאַגן פון דעם סאָציאַליזם; אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט געבויט ווערן אויף נייע יסודות אַ נייער סאָציאַליזם — אַ ניי־סאָציאַליזם.

III

נאָך איידער דער באָלשעוויזם האָט זיך איינגעפונדעוועט איז עס געווען מיין איבערצייגונג, אַז מיט זיין אומגעהויער שטאַרקער אָנ־שטרענגונג צו רעאַליזירן דעם מאַרקסיסטישן אידעאַל וועט ער עפענען די אויגן פון אַלעמען צו דער פאַלשקייט און געפערלאַכ־קייט פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם; צו דער פוסטקייט און אינהאַלטסלאָזיגקייט פון דעם קאָסמישן און היסטאָרישן מאַטעריאַ־ליזם, צו דער נשמה־און־זאַפטלאָזיגקייט פון דעם ראַציאָנאַליזם און רעלאַטיוויזם — דריי פילאָזאָפישע און סאָציאַלע יסודות פונם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. איך האָב געפילט, אַז ער וועט אויך דינען ווי אַן אָנשטויס פאַר דעם, אַז דער קלאַסן־קאַמף זאָל אין דער צוקונפט געפירט ווערן אין דער ליניע פון קולטור אָנשטאָט ציוויליזאַציע. *)

און איצט? איצט ווערט מיט יעדן טאָג, וואָס דער באָלשע־וויזם פונדעוועט זיך מער איין, אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז עס איז פאַלש צו דענקען, אַז סאָציאַליזם באַדייט בלויז די פאַרגעזעל־שאַפטלאַכונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע. ניין, די סאָציאַליזי־רונג גופא פון די פּראָדוקציע־מיטלען טראָגט אין זיך ניט קיין שום מעגלאַכקייטן פאַר אַ שענערער און העכערער, פאַר אַ מער גייס־טיקער און מער קולטורישער געזעלשאַפט. אייניקע סאָציאַלע דענ־קער האָבן שוין לאַנג צוריק איינגעזען, אַז בלויז די סאָציאַליזירונג פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען שליסט ניט אויס די מעגלאַכקייט פאַר די אַרבעטער אומדערדריקט און עקספּלואַטירט צו ווערן נאָך מער ווי אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די פּראָדוקציע־מיטלען זיינען פּריוואַט־אייגנטום.

היינט צו טאָג זעען שוין גאָר אַ סך מענשן איין, אַז שטאַט־סאָציאַליזם איז אייגנטלאַך שטאַט־קאַפּיטאַליזם. אויף וויפיל קאַ־פּיטאַליזם איז שטאַט און ניט פּריוואַט, איז ער מער מעכאַניזירט, האָט ער מער מאַכט און קראַפט. פאַר דעם ביסל מינימום עקאָנאָ־

*) זע „קולטור און ציוויליזאַציע", זייט 208.

מישע פאַרזיכערונג, וואָס שטאַט־סאָציאַליזם ברענגט מיט זיך, פאָדערט ער מער גייסטיקע פאַרשקלאַפונג, מער סאָלדאַטשינע, מער פערזענלאכע דערנידערונג און דעגראַדאַציע.

„מאַסן ארבעטער", — שרייבט קאַרל מאַרקס אין קאָמוניס־טישן מאַניפעסט, — „צונויפגעדרענגטע אין דער פאַבריק ווערן אָרגאַניזירט ווי סאָלדאַטן, ווי איינפאַכע סאָלדאַטן אין דער אַרמיי. אַזוי געפינען זיך די סאָלדאַטן פון דער אינדוסטריע אונטער דער אויפזיכט פון א פולשטענדיקער היעראַרכיע פון אונטער־אָפיצירן און אָפיצירן. זיי זיינען ניט נאָר קנעכט ביי דעם בורזשואַזן קלאַס, ביי דער בורזשואַזער מלוכה; זיי זיינען יעדן טאָג און יעדע שעה פאַרשקלאַפט פון דער מאַשין. דער דאָזיקער דעספּאָטיזם ווערט אַלץ קליינלאכער, העסלאכער און דערביטערנדיקער, וואָס אָפענער ער שטעלט ארויס די פּראָפיטן פאַר זיין אנטגילטיקן הויפּט־ציל".

דער דעספּאָטיזם אין רוסלאַנד, וואו אַנשטאָט פּראָפיטן ווערן גענומען אין אנבאטראכט בענעפיטן, איז נאָך קליינלאכער, העס־לאכער און דערביטערנדער. עס ווייזט זיך ארויס, אַז די בענע־פיטן — די מעגלאכקייט פון די וואָס זיינען אין מאַכט צו לעבן עקאָנאָמיש בעסער, סאָציאַל העכער און פּאָליטיש שטאַרקער — ווערן אַלץ מער און מער די מאָטיוון און די צילן וואָס ברענגען אריין אין לאַנד אַזאַ און ניט קיין אַנדער פּאָליטיק. צוליב זיי ווערן געפירט אין אַזאַ און ניט אין קיין אַנדער ריכטונג די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שייכות'ן פון מענש צו מענש און פון דעם רוסישן פאָלק צו די אַנדערע פעלקער.

מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט קאַרל מאַרקס געשריבן: „ווען מיט דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון די יחידים וועלן אויסוואַקסן אויך די פּראָדוקטיווע קרעפטן, און אַלע קוואַלן פון דעם געזעלשאַפטלאכן רייכטום וועלן זיך גאָס טאָן אין א פולן שטראָם. וועט מען דעמאָלט קאָנען גובר זיין דעם ענגן האָרי־זאָנט פונם בורזשואַזן רעכט, און די געזעלשאַפט וועט קאָנען אָנשרייבן אויף איר פאָן: „פון יעדן לויט זיינע פעאיגקייטן, יעדן לויט זיינע באַדערפענישן".

שוין דעמאָלט, ווען די דאָזיקע שורות זיינען געשריבן גע־וואָרן, זיינען געווען מענשן וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז אויב מען זאָל וואַרטן מיט דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכקייט ביז עס וועלן זיך עפענען אַלע קוואַלן פון דעם געזעלשאַפטלאכן רייכטום, וועט אַזאַ גלייכקייט קיינמאָל ניט איינגעשטעלט ווערן אין דער געזעלשאַפט. אויב די קוואַלן פון דעם געזעלשאַפטלאכן רייכטום זיינען אומדערשעפּלאך, זיינען אָבער אויך אומבאַגרעניצט דעם מענשנ'ס באַגערן און פאַרלאַנגען, זיינע אַלערליי אַפּעטיטן. ווערן אייניקע געשטילט, אַנטוויקלען זיך באַלד אַנדערע. די טבע פון

יעדן איינציקן מענשן איז אין גרונט געגומען ניט אנדערש ווי די טבע פון דעם פישער'ס ווייב אין פושקינ'ס מעשה'לע „דער פישער און דאָס גאָלדן פישעלע": האָט ער אַ גאַנצע קאָרעטע, וויל ער אַ נײַ הויז; האָט ער אַ נײַ הויז, וויל ער זײַן אַ פּריץ; ווערט ער אַ פּריץ, וויל ער זײַן אַ קיסר; איז ער אַ קיסר, וויל ער די וועלט באַהערשן. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דאָס גאָלדענע פישעלע טוט אַ קלאַפּ מיטן עק אין וואַסער און פאַרשווינדט אין טיפן ים אַרײַן.

אָט זעען מיר דאָך באַשײַנפּערלאַך, אַז ניט גענוג איז איצט סטאַלינען וואָס ער האָט, ווי דער רוסישער קיסר בשעתו, אויסגע־שפּרייט זײַן מעכטיקע האַנט איבער דער גאַנצער גרויס פון רוס־לאַנד; ער וויל נאָך מיט איר, מיט דער דאָזיקער האַנט, אויך נאָרוועגיע דערלאַנגען, און צום טויט דערשלאָגען דעם יעניקן, וואָס כּל זמן ער לעבט קאָן זיך סטאַלין נישט פילן אַלמעכטיק און אַליין־הערשנדיק. און אָן דעם געפיל קאָן סטאַלין בײַנאַכט ניט רוען, און בײַטאָג קאָן ער ניט געניסן פון בוקן זיך און זינגען הללויה צו אים, פון די קרוב צו צוויי הונדערט מיליאָן דערדריקטע און גײַסטיק אײַנגעשרומפּענע מענשן. די אינטערעסן פון די פּאָר מיליאָן רוסישע בירגער, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַן עקאָנאָמיש בעסערן און סאָציאַל פּריווילעגירטערן לעבן ווי דאָס לעבן פון די איבעריקע הונדערט און פופציק מיליאָן, טרײַבט די דאָזיקע פּאָר מיליאָן צו זײַן צווישן די ערשטע זיך צו בוקן אויף אַ חניפה'דיקן און היפּאָקריטישן אופן פאַר דעם אָפּגאָט סטאַלין; די ערשטע אים אַרומצוזינגלען מיט אַן אַטמאָספער פון הייליגקייט; די ערשטע אים צו דערהויבן ביז צו אַלע גרויסקייטן. זיי טוען עס דערפאַר, וואָס זיי ווייסן, אַז וואָס מער מיליאָנען מענשן וועלן זיך בוקן צו דער געטשקע און זינגען הללויה צו איר, אַלץ געזיכערטער וועט זײַן די אָרדענונג, וואָס האָט זיי אַוועקגע־זעצט אין די בעסערע זאָטלען, אויף די בעסערע פערד.

„אַזוי איז שוין דער גאַנג פון דעם לעבן, — שרײַבט דר. א. קאָראַלניק, — דער ווילן פון דעם יחיד ווערט דערטרונקען אין דעם ים פון אינטערעסן און לײַדנשאַפטן. און „איליטש" איז אַנטקעגן זײַן אייגענעם ווילן געוואָרן דער „פירער", דער „הערשער", די העכסטע אויטאָריטעט אין דעם לאַנד פון דער סאָוועטן־אידייע.

„די אידעאָלאָגישע ירידה האָט זיך אָנגעהויבן, און עס איז ניט מער געווען קיין אָפּהאַלט פאַר איר. אַזוי פאָדערט עס דער גרונט־געזעץ פון דער מעכאַניק. וואָס ווײַטער דאָס פאַלן — אַלץ גיכער זײַן טעמפּאָ, אין געאָמעטרישער פּראָפּאָרציע. ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם מערקווירדיקן פענאָמען פון אונזער צײַט — צו דעם סטאַליניזם.

„עס איז דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע. נאָך קיינ־מאָל, אין קיין שום לאַנד און אין קיין שום צייט, האָט מען אַ מענשן — איין־איינציקן מענשן — אַזוי גע'חנפ'עט, אַזוי „פאַר־געטערט", ווי יאָסיף סטאַלינען אין סאָוועטן־לאַנד. מאָנאַרכן און טיראַנען — מען האָט זיך פאַר זיי געבוקט, ווייל מען האָט געמוזט. אָבער עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן זיי צו דערקלערן פאַר דער לעצטער אינסטאַנץ פון חכמה, פון וויסנשאַפט, פאַר די העכסטע אויטאָריטעטן אויף אַלע געביטן. לואי דער פערצענטער איז גע־ווען דער „רוא סאָלעי" — דער זונען־קעניג, ער איז געווען — דער שטאַט. אָבער פונדעסטוועגן האָבן די שרייבער און די געלערנטע און די גלחים פון זיין צייט ניט געדאַנקט אים פאַר זייערע גע־דאַנקען און פאַרשונגען און דערפינדונגען. „גיט צעזאָרן וואָס ס'קומט צעזאָרן, און גאָט וואָס ס'קומט גאָט" — אַזוי איז געווען דער גרונט־פרינציפ פון דער געזעלשאַפט ביז צו דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

„אָבער סטאַלין איז געוואָרן — דער „וועלט־גייסט" אָן שום באַגרעניצונגען. ניט בלויז איז ער דערקלערט געוואָרן פאַר אַ „געניאַלן דענקער" און „געניאַלן טוער", ער איז געוואָרן ממש אַ מין שאַנטעקלער, אָט דער האָן אין ראָסטאַנ'ס דראַמע, וואָס מיינט, אַז די זון גייט אויף נאָר דערפאַר וואָס ער קרייט. און עס איז גאָר ניט וויכטיק, צי סטאַלין פאַרלאַנגט אָדער ניט. דער פאַקט איז — די רוסישע ערד איז פול מיט דעם זיסלאַכן נודנעם ריח פון וויירויך־„קטורת" פאַר דעם אָפּגאָט סטאַלין".

אַזוי, און נישט אַ האָרעלע אַנדערש, איז איצט אין רוסלאַנד, און אַזוי וועט עס זיין ביז דאָס גאָלדענע פישעלע וועט אַ קלאַפּ טאָן מיטן עק ווי אין דער צייט פון דער צאַריסטישער דיקטאַטור. און מיט די נאָך־באָלשעוויסטישע דיקטאַטאָרן וועט פּאַסירן דאָס זעלביקע וואָס מיט די באָלשעוויסטישע און פאַר־באָלשעוויסטישע.

און ווייטער וועלן אין דעם אָפּגאָטס נאָמען ברודער־מאָרדן געשען. „בלוט פאַר בלוט" איז דאָס ערשטע געזעץ.

דער וואָס גייט קומט צוריק — דאָס צווייטע! —
קין און הבל געשטאָרבן. לעבן זאָל קין און הבל. *)
און אַזוי וועט עס זיין!
ווי לאַנג?

אַזוי לאַנג ווי דער סאָציאַליזם וועט זיך נישט באַפרייען פון די פאַלשקייטן מיט וועלכע דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט

---

*) זע פּרצס מעשה'לע „קין און הבל".

אים אָנגעשטעקט. מער ווי אַלע ריכטונגען אין דעם סאָציאַליזם האַלט זיך די באָלשעוויסטישע ריכטונג שטאַל און אייזן אָן דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. אין דעם אריינפיר צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט שרייבט ד. ריאַזאַנאָוו:

„אונזער פּאַרטיי — די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — רופט זיך מיט דעם דאָזיקן נאָמען דערפאַר, ווייל די פּראָגראַם, די צילן און די אויפגאַבן אירע זיינען געגרינדעט אויף דער פּראָגראַם וואָס איז צום ערשטן מאָל ארויסגעשטעלט געוואָרן אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. — — — דער נייער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1919 צום אָפּשייד פון דעם באַנקראָטירטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט אָנגענומען דעם נאָמען קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, אויפהאַלטנדיק אויף אַזאַ אופן די געוואָרטן גענעמטע פון דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

אין וואָס באַשטייט אין אמת'ן דער היסטאָריש-פילאָזאָפישער אויפטו פונם מאַניפעסט? באַשטייט ער דען ניט אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אראָפּזעצן פונם הויכן פּיעדעסטאַל דעם גייסט פון דער וועלט, דעם אינטעלעקט און ווילן פון מענש — אוועקגע-שטעלט דאָרט פון אַזעלכע ריזן-דענקער ווי פּלאַטאָ, דעקאַרט און לייבניץ, שפּינאָזאַ, קאַנט און העגעל — און ארויפזעצן אָנשטאָט זיי בלינדע טויטע מאַטעריע און ווילנלאָזע און מאָראַללאָזע פּראָדוקציע-מיטלען פון דער געזעלשאַפט? ווייטער נאָך פון מאַרקסן זיינען געגאַנגען די מאַרקסיסטן. לויט די מאַרקסיסטן קומט אויס, אַז די זעלבע עלעקטרישע און דאַמף קרעפטן, וואָס באַוועגן די קאָלבן און ציין-רעדער פון די באַנען, די שיפן און די לופט-שיפן, און די רעדלאָך פון אַלע מאַשינען און ווערקשטאַטן, באַוועגן אויך אַלע אידייען און באַגריפן פון דעם מענשן.

אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווייזט אונז מאַרקס אָן אויף אַ שטריך, וואָס איז, ווי ער דענקט, כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פאַרגאַנגענע צייטן. דער שטריך איז די עקספּלואַטאַציע פון איין טייל פון דער געזעלשאַפט איבער דעם צווייטן טייל. „עס איז דעריבער" — שרייבט מאַרקס — קיין וואונדער ניט, וואָס דער געזעלשאַפטלעכער באַוואוסטזיין פון אַלע פריערדיקע דורות, הגם ער האָט זיך געביטן און געענדערט, אין פאַרלויף פון דער גע-שיכטע, האָט זיך דאָך שטענדיק באַוועגט אין געוויסע געמיינזאַמע פאָרמען אָדער אידייען. זיי וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן נאָר דע-מאָלט, ווען עס וועט ווערן לגמרי פאַרשווינדן די קלאַסן-קעגנזאַצן".

מיר איז שווער איינצושטימען אפילו מיט דער דאָזיקער באַ-הויפּטונג. שווער דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז דער געזעלשאַפט-לאַכער באַוואוסטזיין איז באַווירקט און באַאיינפלוסט פון אַ סך פאַקטאָרן און קרעפטן אחוץ דעם פאַקטאָר און דער קראַפט פון

קלאַסן־קעגנזאַצן. דער דאָזיקער באַוואוסטזיין וועט זיך דעריבער באַוועגן אין געוויסע געמיינזאַמע פאָרמען און אידייען אפילו נאָכ־דעם ווי פון דעם קלאַסן־קעגנזאַץ וועט שוין קיין סימן ניט בלייבן. ווען מען זאָל אפילו אָננעמען די דאָזיקע באַהויפּטונג אין איר גאַנצן פאַרנעם, פרעגט זיך אָבער ערשט דעמאָלט מיט גרויסער איינגעשפּאַרטקייט: ווען עס איז פאַרשווינדן די קלאַסן־קעגנזאַצן, און אויב יאָ, ווי אַזוי? קען בלויז די סאָציאַליזירונג פון די פּראָדוקציע מיטלען פירן דערצו?

מאַרקסעס ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט, לויט מיין מיינונג, פאַרפירט דעם ביז איצטיקן סאָציאַליזם אין דער שאול תחתיה אריין. ער האָט אים אריינגעשליידערט אין אַ שטאַט־סאָציאַליזם, וואָס האָט געפירט און וועט פירן די מענשהייט צו גרויסע אומגליקן. איינער פון זיי איז דער איצטיקער סאָוועטישער קאָמוניזם.

מאַרקס האָט געשריבן אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט: „דער פּראָלעטאַריאַט אין דער לאַגע פון אַ הערשנדן קלאַס שאַפט גוואַלדזאַם אָפּ די אַלע פּראָדוקציע־פאַרהעלטנישן, צוזאַמען מיט זיי אויך די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס עקזיסטירט דער קעגנזאַץ צווישן די קלאַסן און בכלל קלאַסן. דערמיט גופא שאַפט ער אויך אָפּ זיין אייגענע הערשאַפט אלס קלאַס, אויף דעם אָרט פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט מיט אירע קלאַסן און קלאַסן־קעגנ־זאַצן קומט דעמאָלט די פאַראייניקונג אין וועלכער די פרייע אַנט־וויקלונג פון יעדן יחיד איז די באַדינגונג פאַר דער פרייער אַנט־וויקלונג פאַר דעם גאַנצן כלל”.

מיט דער דאָזיקער באַהויפּטונג פון קאַרל מאַרקס אין זיין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט” האָט לעניִן אויפגעהערט איינצושטימען באַלד ווי ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דעם הערשנ־דיקן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע באַהויפּטונג האָט אָנגעהויבן קלינגען צו דעם פּראַקטישן לעניִנען ווי אַ באַהויפּטונג פון אַן אַבסטראַקטן טעאָרעטיקער אָדער גאָר אַ בעל־חלום. דער אמת איז, אַז קאַרל מאַרקס אליין האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פּאַרזוך טעאָרעטיש צו באַגרינדן אָט די דאָזיקע באַהויפּטונג. ווי אַ קריטיק אויף דער דאָזיקער באַהויפּטונג האָט לעניִן געשריבן: „מיר שטייען פּנים אל פּנים מיט דער פּראַקטישער פראַגע פון לייזן די שייכות׳ן פון דעם פּראָלעטאַריאַט צו דעם לעצטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. פאַר די מאַרקסיסטן איז די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע טעאָ־רעטיש גרינג, אָבער טעאָריע איז איין זאַך און פּראַקטיק איז אַן אַנדער זאַך”.

דאָ איז לעניִן אַוועק פון זיין גרויסן רבי׳ן און האָט אויסגע־

טראַכט אַ נייעם קאַפּיטאַליזם — אַ שטאַט־קאַפּיטאַליזם, וואָס דאַרף, ווי ער דענקט, איינגעפירט ווערן אין רוסלאַנד.

„עס איז אמת״, שרייבט לענין, „אַז די שפּייז־טאַקסע מיינט פרייער האַנדל. פרייער האַנדל באַטייט פרייהייט פאַרן קאַפּיטאַליזם. מיר זאָגן עס גאַנץ אָפן. דאָ איז אָבער אַ נייע פאָרם פון קאַפּיטאַליזם. דאָס איז שטאַט־קאַפּיטאַליזם. שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט זיינען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע זאַכן. אין דעם ערשטן פאַל מיינט עס, אַז קאַפּיטאַליזם איז קאָנטראָלירט און אַנערקענט פון שטאַט אין די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, אין דעם צווייטן פאַל ווערט דער קאַפּיטאַליזם געטריבן אין די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט״.

איך האָב דעמאָלט איינגעשטימט מיט לענינען און איצט שטים איך נאָך מער איין מיט אים, אַז שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט זיינען ניט איינס און די זעלביקע. נישט מער וואָס איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן און האַלט איצט אויך, אַז שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט איז אַ סך ערגער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט איידער פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם; ערגער דערהויפּט פאַר די הונדערטער מיליאָנען אַרבעטער, וואָס זיינען נישט אַזוי פּיזיש און גייסטיק פעאיק ווי די פאָר מיליאָן וואָס געוועלטיקן איבער זיי. צוליב אומדערקלערבאַרע און אומקאָנטראָלירבאַרע געזעצן פון דער נאַטור וועט זיך אַלעמאָל, אונטער יעדער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, געפינען אַ קלענערער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס וועט זיך אויסצייכענען מיט גרעסערע פעאיגקייטן אויף די פאַרשיידענע געביטן פון פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג. צוליב אָט דעם דאָזיקן גרויסן אונטערשייד אין די פעאיגקייטן פון דער קליינער און גאָר גרויסער אין צאָל אַרבעטער קאָן ניט קאַפּיטאַליזם אָדער שטאַט־קאַפּיטאַליזם אַפילו אין אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט געטריבן ווערן אין די אינטערעסן פונם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. ער וועט אַלעמאָל מוזן געטריבן ווערן אין די אינטערעסן פון דער קלענערער אין צאָל, וואָס ציילט זיך פונדעסטוועגן אין די מיליאָנען, און איז גענוג גרויס צונויפּצושטעלן די שטאַרקסטע, דעספּאָטישסטע ביוראָקראַטיע. אַזאַ ביוראָקראַטיע, ווי אַ פולשטענדיקע הערארכיע פון אונטער־ און אויבער־פאַרוואַלטערס און פירערס, שטעלן צונויף דעם שטאַט. דער שטאַט, ווידער, צוליב זיין אויסערגעוויינלאַכער צענטראַליזאַציע און קאָנצענטראַציע אין אַ געזעלשאַפט פון ניט־פּריוואַטן אייגנטום, מוז איבערשטייגן אין דעספּאָטיזם יעדן איינציקן שטאַט, אונטער וועלכן

די סאָציאַליזירונג האָט ניט דערגרייכט אַזאַ הויכן פּונקט ווי אין דעם מכלומרשט פּראָלעטאַרישן.

ווען דעם שטאַט אין אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט האָט ענגעלס געשריבן: „היות ווי דער שטאַט איז נאָר אַ צייטווייליקע אינסטיטוציע וואָס דאַרף אויסגענוצט ווערן אין צייט פון אַ סאָציאַלן איבערקער, כדי גוואַלטזאַם צו אונטערדריקן די וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן איר, איז עס דעריבער אַ פּולקאָמענער אַבסורד צו רעדן וועגן אַ פרייען פאָלק־שטאַט. אַזוי לאַנג ווי דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נאָך אַלץ האָבן דעם שטאַט, דאַרף ער אים נישט האָבן אין די אינטערעסן פון פרייהייט, נאָר אויף צו אונטערדריקן די קעגנער. און ווען עס ווערט מעגלאַך צו ריידן וועגן פרייהייט, הערט אויף דער שטאַט אַלס אַזעלכער צו עקזיסטירן".

דער באָלשעוויזם האָט איצט קלאָר באַוויזן, אַז ענגעלס איז געווען גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף ניט האָבן דעם שטאַט אין די אינטערעסן פון פרייהייט, נאָר אויף צו אונטערדריקן די קעגנער. ניט ענגעלס אָבער און ניט מאַרקס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די פאָלגענדיקע צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז סאָציאַליסטן קענען זיך אַרויסווייזן צו זיין אַזעלכע גרויסע בריות אויף צו אונטערדריקן און דערשטיקן אַלץ און אַלעמען, און אַז דער שרעק פאַר זייערע פעאיגקייטן צו שלאַכטן מענשן ווי שעפּסן און בהמות וועט אַרויסברייגען אַלס אַ רעאַקציע צו דער דאָזיקער ברוטאַליטעט און אוממענשלאַכקייט — דעם פאַשיזם. צווייטנס, אַז די קעגנער, וואָס דעם פּראָלעטאַרישן שטאַט וועט אויסקומען צו אונטערדריקן, וועלן זיין ניט חלילה פאָרשטייער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, נאָר דוקא די גרעסטע און שענסטע פאָרשטייער פון אַרבעטער־קלאַס, און דער קאַמף צווישן אַרבעטער און בורזשואזיע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַמף צווישן אַרבעטער און אַרבעטער.

אויף אַזאַ אופן וועט מיט דער סאָציאַליזירונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע דער קלאַסן־קאַמף ניט נאָר ניט אויפהערן, נאָר ער וועט נאָך ווערן שטאַרקער, ברוטאַלער און בעסטיאַלער. אַרבעטער וועלן דערשטיקן אַרבעטער; אַרבעטער־פאָרשטייער וועלן ווי די וועלף צורייסן אַרבעטער־פאָרשטייער. עס וועט נישט בלייבן מער קיין זכר פון מענשלאַכקייט, פון רחמנות און סימפּאַטיע.

אונטער אַזעלכע שייכות'ן צווישן אַרבעטער און אַרבעטער, נאָכדעם ווי די מיטלען פון פּראָדוקציע זיינען שוין סאָציאַליזירט וועט פרייהייט קיינמאָל נישט מעגלאַך ווערן. די מער פּריווילעגירטע וועלן, אַזוי לאַנג ווי עס ווערט ניט איינגעפירט קיין עקאָנאָמישע גלייכהייט, אַלעמאָל מוזן אונטערדריקן און שטיקן די ווייניקער

פּריווילעגירטע. און ווער וועט עס טאָן פאַר זיי, אויב ניט דער שטאַט?

און דערפאַר, מעג אַ געזעלשאַפט זיין אַ ריין־פּראָלעטאַרישע און מעג זי זיין אַן אויסגעלייזטע פון יעדן שמץ אַפילו פון פּריוואַט־אייגנטום, וועט דאָך דער שטאַט ווי אַזעלכער קיינמאָל ניט אויפהערן צו עקזיסטירן. אַ סוף צום שטאַט וועט קומען נאָר דאַן, ווען אויף דער שוועל פון דער נייער אָרדענונג, וואָס הייסט סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וועט איינגעפירט ווערן אַבסאָלוטע פרייהייט פון שריפטלאכן און מינדלאכן אויסדרוק און אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט. די דאָזיקע צוויי דעקרעטן דאַרפן זיין די ערשטע, וואָס די רעוואָלוציע, די אמת'ע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועט מוזן איינפירן. אַנדערש וועט דער שטאַט נישט נאָר ניט אויפהערן צו עקזיסטירן, נאָר ער וועט מוזן ווערן דיקטאַטאָרישער און דעספּאָטישער, ברוטאַלער און אוממענשלאכער פון טאָג צו טאָג, פון מינוט צו מינוט.

IV

דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער פּראָלעטארישער רוסלאַנד דעם 25טען אויגוסט, 1936, די גענגסטערישקייט ביי איינע און די ווערמדיגקייט ביי אַנדערע, פון די אַמאָליקע פירער פון דער רעוואָלוציע, איז — האָב איך מורא — אַ פּרעליודיע בלויז צו דעם, וואָס עס וועט פּאַרקומען אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ פּראָלעטארישער געזעלשאַפט.

„אַ קאָרן־פּעלד מיט אַ שניטער" איז דער נאָמען פון ווענגאַ'ס אַ בילד, וועגן וועלכן ער אַליין שרייבט: „איך זע אין דעם דאָזיקן בילד אַן אַפּבילד פון טויט, אין דעם זין, וואָס די מענשהייט וואָלט געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי דאָס קאָרן וואָס דער שניטער שניידט". יאָ, אונטער אַ שטאַט־קאַפּיטאַליזם אין אַ פּראָלעטארישער געזעלשאַפט איז די מענשהייט נישט מער ווי אַ קאָרן־פּעלד, און די יחידים נישט מער ווי זאַנגען פאַרן שנייד־מעסער אין דער האַנט פון שניטער.

שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער האָבן דעם 25טן אויגוסט געקלונגען אין מיינע אויערן די ווערטער פון תּליון (אין לייוויקס „גאולה קאָמעדיע"):

איך — דער שטאַרקסטער,
איך — דער שענסטער!
איך — דער תּליון.

למנצח,
לויב צום זיגער!
לויכט, מיין האָק,
אין אונטער־זון!

פעלדער גרינען,
סעדער בליען,
און די זון —
אַ רויטע רויז —

וויגט זיך, וויגט זיך
אויף איר שטענגל,
און פאַרמאַכט זיך
צו דער נאַכט.

איך בלייב וואַכיק,
איך בלייב בליען
מיט די סעדער
און באַנאַכט.

למנצח, —
לויב צום זיגער,
לויכט, מיין האַק,
אין אָוונט־זון.

היינט הייסט דער תליון סטאַלין, מאָרגן וועט ער אפשר הייסן טראָצקי, איבערמאָרגן וועט ער אפשר זיין אַן אַנטי־טראָצקיסט. היינט ליגן טראָצקיסטן דערשאָסענע ווי „משוגענע הינט", דער־קוועטשטע ווי מיאוסע ווערים; מאָרגן וועלן זיי זיין אַנטי־טראָצ־קיסטן, און אַזוי וועט עס ווייטער זיין!

ווי לאַנג?

אַזוי לאַנג ביז עס וועלן אויפשטיין סאָציאַליסטן, וואָס וועלן ווערן באַהערשט פון דער איבערצייגונג, אַז פּונקט ווי עס קאָן ניט זיין קיין פולע פּאָליטישע פרייהייט אָן פולער עקאָנאָמישער גלייכ־הייט, פּונקט אַזוי וועט עס אויך קיינמאָל נישט קומען צו פולער עקאָנאָמישער גלייכקייט אָן אַ פולער פּאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט. און אָן זיי ביידע, אָן סאָציאַלער פרייהייט און אָן עקאָ־נאָמישער גלייכהייט, מוז די סאָציאַליזירונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען פירן צו סאָציאַלער, עקאָנאָמישער און גייסטיקער פאַר־שקלאַפונג און צו אַ דעגענעראַציע פון אַלע אין מענשן.

וואָס מער סאָציאַליזירונג, וואָס מער דאָס פאַרגעזעלשאַפטלאַכ־טע רייכטום ווערט קאָנצענטרירט אין די הענט פון שטאַט, וואָס מער דער קאָנטראָל איבער אַלץ אין לאַנד ווערט צענטראַליזירט אין איין אינסטאַנץ ביז זי ווערט שוין נישט נאָר די העכסטע אינסטאַנץ, נאָר אויך די איין און איינציקסטע — אַלץ טיפער דער אָפּגרונט צווישן די פּריווילעגירטע און ניט־פּריווילעגירטע, און אַלץ זיכערער ווערט דאָס גיין צום גרונט פון אַזאַ געזעלשאַפט.

געזעלשאַפטן אַזעלכע זיינען פאַר'משפט צו קולטורישן אונטער־גאַנג, מעג זייער אינדוסטריע געפירט ווערן פון שטאַט אויף דעם גרעסטן מאַסשטאַב און מעגן זיי האָבן אַלע מעגלאַכקייטן אויף

צופרידן צו שטעלן די וויכטיקסטע באדערפעניש פון זייערע מיט־גלידער. אין אזא פאל איז פונקט פארקערט: וואס גרעסער דער מאסשטאב, אויף וועלכן די אינדוסטריע וועט געפירט ווערן, וואס גרעסער און שטארקער די אנטוויקלונג פון דער טעכנאלאגישער ציוויליזאציע, אלץ זיכערער איז דער פאנאנדערפאל פון דער דא־זיקער געזעלשאפט צוליב דער גייסטיקער פארשקלאפונג און קול־טורישער דעגענעראציע.

שוין באלד 15 יאר זינט עס זיינען געשריבן געווארן די פאלגנדיקע ווערטער:

„דער קאמוניסטישער מאניפעסט זאגט בפירוש, אז דער שטריך, וואס אונטערשיידט דעם קאמוניזם פון אנדערע „איזמען", איז ניט דער אפשאף פון אייגנטום. דער קאמוניזם, טענה'ט מארקס און ענגעלס, נעמט חלילה ניט אוועק ביי קיינעם די מאכט צו מאכן פאר אייגנס די געזעלשאפטלאכע פראדוקטן. אלץ וואס ער טוט, איז נאר דאס, וואס ער נעמט אוועק די מאכט צו אונטעריאכן די ארבעט פון אנדערע מיט דער הילף פון די פראדוקטן, וואס ער אפראפריאירט".

ווען מיר געפינען אלזא איצט, אז אין דער באלשעוויסטישער רוסלאנד איז ניטא קיין סימן פון עקאנאמישער גלייכהייט; ווען מיר געפינען, אז ארבעטער ביי א געוויסער ארבעט קריגן מער באצאלט, האבן מער באקוועמלאכקייטן איידער די, וואס ארבעטן ביי אן אנדער ארבעט; ווען מיר דערוויסן זיך, אז די אנגעשטעלטע ביי דער מלוכה האבן אזעלכע פריווילעגיעס, וואס אנדערע קאנען אפילו ניט חלום'ען וועגן זיי, דארפן מיר גדיינקען, אז אזוי דארף זיין לפי דעם מארקסיסטישן קאדעקס. אזוי און ניט אנדערש האט עס געקאנט איינגעפירט ווערן פון די, וואס זעען דאס „זיין" און דאס „ווערן" פון דער וועלט אין ליכט פון ציוויליזאציע און ניט אין ליכט פון קולטור. אזוי און ניט אנדערש וועט עס אלעמאל און אומעטום איינגעפירט ווערן, כל זמן די אנפירער און דורכ־פירער פון דער רעוואלוציע וועלן זיין מענשן, וואס וועלן גלויבן, אז ווען די געזעלשאפט וועט קאנען זעטיקן אויף אן אנשטענדיקן שטיינער די פרימיטיוועסטע, עלעמענטארסטע און נויטווענדיקסטע באדערפעניש פון יעדן מיטגליד, וועלן זיי זיין צופרידן, אז אנדערע מיטגלידער זאלן זייערע באדערפעניש צופרידנשטעלן אויף א בע־סערן שטייגער. זיי וועלן זיך אויך ניט קימערן וועגן דעם, וואס אנדערע האבן די מעגלאכקייט און געלעגנהייט צו אנטוויקלען און נאכצוקומען נייע באדערפענישן און פארלאנגען.

ווער עס האט אבער געקוקט פון א קולטור־שטאנדפונקט אויפן מענשן און אויף זיינע באציאונגען צו זיך און צו אנדערע; ווער עס לייענט די מענשלאכע געשיכטע אין דעם ליכט פון דער בכורה

און ניט אין דעם ליכט פון די לינזן, דער האָט געקאָנט מיט דער גרעסטער זיכערקייט פאָראויסזאָגן, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס וועט פונם ערשטן מאָמענט אָן ניט פּראָקלאַמירן די אַבסאָליוטע גלייכהייט, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע, פאַר אַלע מיטגלידער, וועט ניט ברייגגען קיין גליק און קיין צופרידנהייט צו די יעניקע, מיט וועמעס כחות און אָפּפערווויליגקייט די רעוואָלוציע ווערט געמאַכט.

אין זיין דיסקוסיע מיט קאַוטסקין, אין דעם בוך „פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע”, זאָגט לענין, אַז די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט סימפּאַטיזירן מיט דער סאָוועטן־רעפּובליק בלויז דערפאַר, וואָס זיי זעען אין איר אַ פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, אַ דעמאָקראַטיע פאַר דעם אָרימען און ניט קיין דעמאָקראַטיע פאַר דעם רייכן, ווי עס איז דער פאַל מיט יעדער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

אַלע ווייסן שוין איצט, אַז דאָס איז ניט אמת. דער אמת איז, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט סימפּאַטיזירט איצט אַלץ ווייניקער מיט דער סאָוועטן־רעפּובליק. די פעדעראַטיווע רוסישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק האָט פאַרלאָרן איר חן אין די אויגן פון די אַרבעטער. דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי ווערן מער און מער געוואויר, אַז אויך אין רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „סאָציאַליסטישע רעפּובליק” זיינען פאַראַן אָרימע און אָרימערע, מער פּריווילעגירטע, ווייניקער פּריווילעגירטע, און גאָרניט קיין פּריווילעגירטע. אמת, די פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע האָט אוועקגעשטעלט אַנאַנדער לייטער, זי האָט אָבער איבערגעלאָזט די זעלבע צאָל און גראַדן פון שטאַפּלען. עס איז נאַטירלאַך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיין איצט מער אומצופרידן מיט די שטאַפּלען פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לייטער אין אַ סאָציאַליסטישער רוסלאַנד, איידער אַפילו מיט דעם פיל־שטאַפּלדיקן בורזשואַזן לייטער פון אַמעריקע. מחמת פון דער בורזשואַזער אָרדנונג האָט ער קיינמאָל ניט דערוואַרט מער ווי אַן ערגערן אָדער בעסערן ביסן ברויט און פוטער, אָבער פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג האָט ער אַ סך מער און אַ סך אַנדערע זאַכן דערוואַרט. ער האָט דאָך אויף איר אַזוי פיל האָפענונגען געלייגט, זי האָט דאָך געדאַרפט אַזוי פיל וואונדן היילן, ניט נאָר פון זיין איבערגעהאָרעוועטן קראַנקן קערפּער, נאָר אויך פון זיין אויסגעמאַטערטער און צעריסענער נשמה.

ניט ווייסנדיק די פאַלשע גרונטלאַגן פון דעם מאַרקסיזם, האָט ער געמיינט, אַז דער סאָציאַליזם וועט צופרידנשטעלן זיינע טיף־איינגעוואָרצלטע באַשטרעבונגען און באַגערן נאָך גערעכטיגקייט, נאָך גלייכהייט און פרייהייט. דער פּראָלעטאַריאַט זעט אָבער מער און מער איין, אַז אָנשטאָט אַ בורזשואַזן קלאַס און אַן אַרבעטער־קלאַס, שאַפן זיך אין רוסלאַנד, — ווי עס וועט זיך, לויט מיין

מיינונג, שאפן אין יעדן אנדערן לאנד, וואו די גלייכהייט וועט ניט באהערשן דעם עקאנאמישן און סאציאלן לעבן, — צוויי נייע קלאסן: א פריווילעגירטער און א ניט־פריווילעגירטער.

אין 1898 האט קאוטסקי, אין זיין פארווארט צו דער אידישער אויסגאבע פון „קאמוניסטישן מאניפעסט", געשריבן, אז אנשטאט דער צושפאלטונג פון דעם פראלעטאריאט אין ארבעטער־אריסטאקראטיע און אין אן ארבעטער־מאסע, וואס האט שוין אנגעוואוירן די האפענונג אויף בעסערס, האט זיך אנטוויקלט די אלגעמיינע סאלידאריטעט פונם גאנצן פראלעטאריאט.

אבער — „יעדער איינער מוז מודה זיין, אז איצט, אין 1921, געפינט זיך דער ארבעטער־קלאס מער ווי ווען עס איז פריער צו־שפאלטן אין אן ארבעטער־אריסטאקראטיע פון איין זייט, און אן ארבעטער־מאסע פון דער צווייטער זייט. און ווען א סאציאלע רעוואלוציע אין א לאנד נוצט ניט אויס גלייך פון אנהויב די מאכט פון דעם פראלעטאריאט אויף פעסטצושטעלן די פולקאמענסטע געזעלשאפטלאכע גלייכהייט צווישן איין פראלעטאריער און דעם צווייטן, צווישן איין ארבעטער, מעג ער זיין ווי לא־יוצלח'דיק און נאריש, און דעם אנדערן, מעג ער זיין ווי פעאיק און קלוג, וועט אן שום ספק די ארבעטער־אריסטאקראטיע אויף אן עכט־דעספאטישן אופן עקספלואטירן די ארבעטער־מאסע". *

זינט די דאזיקע ווערטער זיינען געשריבן געווארן איז די דא־זיקע ארבעטער־אריסטאקראטיע געווארן פון טאג צו טאג דעספא־טישער אין איר עקספלואטאציע לשם דער ציוויליזאציע, לשם דעם אימפולס נישט נאר צו דעריאגן נאר אויך אריבערצויאגן אמעריקע. געשטייגט האט אויך פון טאג צו טאג ביז צו דעם טאג פון דעם 25טן אויגוסט, 1936, אין א גאמעטרישער פראגרעסיע די עקל־האפטיגקייט אין איר אויפפירונג. און עס איז מיין אינערלאכע איבערצייגונג, עס איז פאר מיין גערדאנקלאך אויג קלאר ווי דער טאג, אז דער 25טער אויגוסט, 1936, איז ווייט נאך ניט דער קלימאקס.

טראצקי זאגט פאראויס א רעוואלוציע אין רוסלאנד. דאס איז אודאי מעגלאך. עס איז מעגלאך אז עס וועט אויך פארקומען דארט מער ווי איין רעוואלוציע. די פראגע אבער איז — א פראגע, לויט מיין מיינונג, זייער א וויכטיקע, — צי זיינען וועלכע עס איז סאציאליסטן פון דעם מארקסיסטישן חדר בכח צו ברייננגען די סאציאלע רעוואלוציע, די רעוואלוציע, וואס וועט באמת מאכן א סוף צום קלאסן־קאמף, צו דער אומגלייכהייט און צו דער דיקטא־טארישער בארבארישקייט? מיט וואס זאל די טראצקיסטישע באר־

*) זע „קולטור און ציוויליזאציע".

בארישקייט זיין ליבער ווי די סטאליניסטישע? גיט אונז דען דער טראָצקיזם אָדער וואָסער עס איז אנדערער ארבעטער־„איזם", וואָס האלט זיך אָן דעם מארקסיזם, אפילו א טעאָרעטישע גאראנטיע פאר דעם אָפּשאַף פון קלאסן־צוטיילונג אין דער פּראָלעטארישער געזעל־שאפט? איז פאראן דאָרט א וואונק אפילו אויף פרייהייט אָנשטאָט דיקטאטור, אָדער אויף א דיקטאטור פון סאָוועטן אָנשטאָט א דיק־טאטור איבער סאָוועטן? פילט זיך דאָרט אָן אנטשלאָסנהייט דורכ־צופירן באלד נאָך דער רעוואָלוציע עקאָנאָמישע גלייכהייט אָנשטאָט עקאָנאָמישע אומגלייכהייט? איז דאָרט פאראן אָן אָנצוהערעניש וועגן א סאָציאליזם, וואָס זאָל ליגן וויניקער געוויכט ווי דער קאפּיטאליזם אויף ציוויליזאציע, און וואָס זאָל לשם דעם איבערוואָג פון קולטור איבער ציוויליזאציע אָננעמען די עקאָנאָמישע גלייכ־הייט ווי א קאטעגאָרישן אימפּעראטיוו? האָט וואָסער עס איז ביז איצטיקער סאָציאליזם אונז געלאָזט דערפילן זיין שרעק פאר דעם, אז די ציוויליזאציע דראָעט מיט א גרויסער געפאר פון אונטערגאנג פאר אלץ וואָס עס איז טייער דעם מענשן, אויב זי, די ציוויליזאציע, וועט ניט פאר און נאָך דער רעוואָלוציע געצוימט ווערן פון דער קולטור? האָט זיך ווער עס איז פון די איצטיקע אלע אָפיציעלע אנטי־סטאליניסטן פארטראכט וועגן דער פלאכקייט אין גייסט, פוסט־קייט אין דער נשמה, קליינקייט אין פערזענלאכקייט וואָס איז אריינ־געטראָגן געוואָרן אין די רייען פון די סאָציאליסטן און ארבעטער־קעמפער בכלל, א דאנק די פאלשע פילאָזאָפישע און רעליגיעזע גרונטלאגן פון דעם מארקסיזם — די גרונטלאגן פון היסטאָרישן מאטעריאליזם, עקאָנאָמישן דעטערמיניזם און אטעאיזם?

אויף די אלע פראגן קומט בלויז איין ענטפער: ניין!

צו ענטפערן מיט א „יאָ" אפילו אויף איינער פון די דאָזיקע פראגן, מיינט שוין צו רעדן מארקסיסטיש.

מארקס האָט זיך בארימט דערמיט, וואָס ער האָט איבערגע־דרייט העגעל'ן, און וואָס ער האָט זיין דיאלעקטיק אוועקגעשטעלט מיט דעם קאָפּ אראָפּ. און ער רעדט וועגן זיך גופא אלס מאטעריא־ליסט אין קעגנזאץ צו העגעל'ן דעם אידעאליסט.

„מיין דיאלעקטישער מעטאָד איז ניט נאָר פארשיידן פון דעם העגעליאנישן, נאָר ער איז דער דירעקטער היפּוך. ביי העגעל'ן איז דער פּראָצעס פון דעם מענשלאכן מארך, ד. ה. דער פּראָצעס פון דיינקען, וועלכן ער פארוואנדלט אונטער דעם נאָמען „די אידייע" אין א זעלבסטשטענדיקן סוביעקט, דער דעמיאורג פון דערווירקלאכער וועלט, און די ווירקלאכע וועלט איז בלויז די אויסערלאכע פענאָמענאלע פאָרם פון דער „אידייע". ביי מיר, ווידער, איז פארקערט: די אידעאלע וועלט איז נישט מער ווי די מאטעריעלע, אָפּגעשפּיגלט דורך דעם מענשלאכן גייסט און איבער־זעצט אין פאָרמען פון געדאנק".

דער געדאַנק האָט פאַר העגעל'ן אַ זעלבסטשטענדיקן ווערט, און די פּראָצעסן פון דער אַנטוויקלונג פון דעם געדאַנק האָבן זיך זייערע אייגענע געזעצן, וואָס ווערן ניט באַווירקט פון קיין זאַך און פון קיין קראַפט, וואָס שטייט אויסערהאַלב דעם געדאַנק אָדער גייסט.

אַלץ, וואָס איז ניט געדאַנק און ניט גייסט, איז, על פּי העגעל, ניט דאָס אמת־ווירקלאַכע, ניט דאָס עכט־רעאַלע, נאָר אַן אָפּשפּיג־לונג, אַן אויסוויניקסטער און ציטוויייליקער אויסדרוק פון דער העכסטער קראַפט, וואָס איר מהות איז גייסט.

דער אויפטו פון מאַרקסן אַלס סאָציאַל־פילאָזאָף איז באַשטאַ־נען, ווי לאַבריאָלאַ דענקט, דערין, וואָס מאַרקס האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט די ריטמישע באַוועגונג פון דער אידייע גופא, דעם ספּאָנטאַנעם אַרויסקום פון געדאַנק, און ער האָט אָנגענומען די ריט־מישע באַוועגונג פון רעאַלע זאַכן, אַ באַוועגונג וואָס פּראָדוצירט געדאַנק צום סוף.

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז מאַרקס' אויפטו אויף דעם סאָציאַל־פילאָזאָפישן געביט איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט העגעל'ן אין אַ זייט, און ער האָט פאַר זיין סאָציאַלער וויסנשאַפט, אין דער פאָרם פון סאָציאַליזם, אָנגענומען די זעלבע גרונטלאַגע, וואָס אַ סך פון די נאַטור־וויסנשאַפטלער האָבן אָנגענומען פאַר זייערע לערער. דער נאַטור־פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם.

ווער עס גלויבט ניט אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון גייסט, קאָן ניט גלויבן אין זיין אייגענער זעלבסטשטענדיגקייט. מיט דער פאַרלייקענונג פון דעם גייסטס זעלבסטשטענדיגקייט ווערט אַוועקגע־נומען יעדעס ברעקעלע לאָגישער גרונט פאַר אַ באַשטרעב צו זיין אַ העכערער און אַ בעסערער מענש. די אָנשטרענגונג אַרויסצו־לייענען דאָס העכערע פון דעם נידעריקן און צו געפינען אַ מאַ־טעריעל־ממשות'דיקן אויסדרוק פאַר אַלץ, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען גייסט, האָט געמוזט גיין האַנט אין האַנט מיט דער אָנ־שטרענגונג אויסצוטייטשן, אויף אַן אוטיליטאַריסטישן אופן, אַלע באַגריפן פון העכער, שענער און בעסער. דערמיט האָט די פראַגע: וויפיל איז אין תוך גענומען די זאַך ווערט? — געמוזט ביסלאַכ־ווייז רעדוצירט ווערן צו דער פראַגע: וויפיל קאָן די זאַך געבן אין די קוואַנטיטאַטיווע טערמינען פון וואָג און מאָס?

פון דער דאָזיקער רעדוצירונג פון קוואַליטעט צו קוואַנטיטעט האָט מער פון אַלע ווערטן געמוזט ליידן דער מאָראַל־ווערט, מחמת ער איז פון אַלע ווערטן דער ווייטסטער פון קוואַנטיטעט, ער איז פון אַלע ווערטן דער טיפסטער אין קוואַליטעט. ער, מער פון אַלע

ווערטן, קאָן, אין איין הרף־עין, געבן און אוועקנעמען אַן אייביגקייט פון גליק און גליקזעליגקייט. ער קאָן דאריבער מער פון אַלע אַנדערע ווערטן אידענטיפיצירט ווערן מיט דעם אויסדרוק „נשמה". און ווען די נשמה איז אין גלות, מוז די גאַנצע וועלט זיין אין קנעכטשאַפט, מעגן מיר זיך ווי אַנשטרענגען זי צו באפרייען.

און אַזוי לאַנג ווי די נשמה וועט זיין אין גלות אין דעם לאַנד, וואו עס געוועלטיקט דער פּראָלעטאַריאַט, אין דעם לאַנד מיט פּרעטענזיעס אויף סאָציאַליזם, וועט די גאַנצע וועלט זיין אין קנעכטשאַפט — נאַציסטישער, פאַשיסטישער, און ווער ווייס נאָך וואָסערער.

וואו עס איז ניטאָ קיין פרייהייט פון גייסט, דאָרט מוז פריער אָדער שפּעטער אונטער אַזאַ אָדער אַן אַנדער אויסרייד זיין אונטערדריקונג פון אַלץ, ווען דאָס פאָדערט זיך אין די אינטערעסן פון דער עקזיסטירנדיקער מאַכט, מעגן אפילו די כוונות זיין די בעסטע. אַבסאָלוטע פרייהייט און אינקוויזיציע קענען ניט לעבן צוזאַמען. עס איז פאַרפאַלן, עס מוז בלייבן: אָדער אַבסאָלוטע פרייהייט אָדער אינקוויזיציע. וויל מען באמת ניט קיין אינקוויזיציע, מוז מען זיך באפרייען פון דעם מאטעריאליזם און אינאיינעם מיט אים, און טאַקע אין דעם זעלביקן הרף־עין, פון דעם רעלאַטיוויזם, וועלכער דערלאָזט ניט פעסטצושטעלן די אַבסאָלוטע פרייהייט און גלייכהייט.

V

א.

עס איז געווען און געבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג מיין טיפּ־סטע איבערצייגונג, אַז פון אַלע ריכטונגען אין דעם סאָציאַליזם איז דער באָלשעוויזם אַם טיפסטן פאַרוואָרצלט אין דעם מאַרקסיזם. געוויסע פילאָזאָפישע גרונטלאַגן און סאָציאַלע ענדציַלן פון דעם מאַרקסיזם זיינען דאַריבער, לויט מיין מיינונג, פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם שלעכטס, וואָס דער באָלשעוויזם האָט געבראַכט באַלד ווי ער איז אויף דער וועלט געקומען און וואָס ער וועט נאָך ברייננען אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיך האַלטן שטאַל און אייזן אָן די מאַרק־סיסטישע יסודות.

שוין די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט גופא, די פאַר־שטאַרקונג פון שטאַט און די דעספּאָטישע אונטערדריקונג פון אַלץ, אויך פון וואָרט און שריפט, ווען דאָס איז קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, האָט געמוזט ברייננען אַ קללה אַנשטאָט אַ ברכה, נישט נאָר אויף רוסלאַנד נאָר אויף דער גאַנצער וועלט. און ווער איז מער שולדיק פאַר דעם אַלץ ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס, צו וועמען נישט נאָר די באָלשעוויקעס נאָר אויך אַלע סאָציאַלדעמאָקראַטן און בראש פון זיי קאַרל קאַוטסקי האָבן ביז ניט לאַנג צוריק געשוואָרן טרייהייט?

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז פאַר קאַוטסקין געווען דאָס ווערק, אין וועלכן עס זיינען קאָנצענטרירט אַלע שטראַלן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געדאַנקען ווי אין אַ ברען־גלאָז. עס איז דאָס ווערק, וואָס האָט אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

איך גלויב דעריבער, אַז די דרינגענדסטע פאָדערונג פון אונזער צייט איז אַ שטרענגע רעוויזיע פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און אפשר נאָך די פּובליקירונג פון אַ נייעם מאַניפעסט — פון אַ מאַניפעסט וואָס זאָל פעסטשטעלן, אַז דיקטאַטור, שטאַטלאַכע מאַכט ביז צו דעספּאָטיזם, אין וועלכער געשטאַלט זי זאָל נישט קומען

צום אויסדרוק, מוז און וועט ברייננגען שלעכטס אויף דער וועלט. שטאַרקער ווי וועלן עס איז פריער מוז איצט פון דאָס ניי זיך צוקלינגען אין אַלע ווינקעלאך פון דער וועלט דער רוף: פרייהייט און גלייכהייט — אבסאַלוטע דעמאָקראַטיע — אין קאַמף מיט דער דיקטאַטור און מיט אויטאָקראַטיע אין אַלע אירע פאָרמען.

אודאי איז יאַסעלע (אין לייוויקס „גאולה קאָמעדיע") גערעכט מיט זיינע פאָדערונגען צו חנינה'ן:

יאַסעלע:

איך וויל ער זאָל ענטפערן (צו חנינה'ן):
דו פירסט דאָך חשבון אויך אפילו פאַרן וואָרים —
טאָ גיב אַהער דעם חשבון, וויוז דעם חשבון —
און — באַצאָל —
צאָל אָפּ פאַר יאָרן אין די קעלערס, אין די גריבער, אין די תפיסות —
צאָל אָפּ.
צאָל אָפּ פאַר אַלע אומגעבראַכטע, אומגעקומענע אין הונגער, אין מלחמות —
צאָל אָפּ.
צאָל אָפּ פאַר וואוילטאָג, וואָס די רייכע, וואָס די גליקלאַכע האָבן
אויסגעהוליעט —
צאָל אָפּ.
צאָל אָפּ אויך מיר פאַר אַלע יאָרן די געפּינצטערטע אויפן בוידעם —
צאָל אָפּ.
צאָל אָפּ אויך זיך אַליין פאַר גאָר דעם עלנט דיינעם אין דער מדבר —
צאָל אָפּ.

די פראַגע איז נאָר, מיט וואָס זאָל אָפּגעצאָלט ווערן? מיט ציוויליזאַציע אָדער מיט קולטור? מיט מאַטעריע אָדער מיט גייסט? מיט אַ שטאַרקערער דיקטאַטור ווי די וואָס איז געווען ביז אַהער, מיט אונטערדריקונג פון יעדן פּיפּס, וואָס איז נישט ליב אָדער ניחא צו די אויערן און אויגן פון די זעלבסט-געקרוינטע הערשער פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אָדער מיט פרייהייט און גלייכהייט? — פריי זאָל זיין יעדער אַרבעטער ארויסצוברענגען זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען, און האָבן זאָל יעדער. אַרבעטער די מעגלאַכקייט ניט נאָר צו שטילן זיין הונגער, נאָר אויך צו געניסן פון אַלץ וואָס איז דאָ אין לאַנד באַגלייך מיט יעדן אַנדערן אַרבעטער.

פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז געקומען צו מאַכט ביז צו דעם טאָג פון דעם 25טן אויגוסט, 1936, האָט דער באָלשעוויזם געצאָלט אַלץ מער און מער מיט ציוויליזאַציע אַנשטאָט קולטור, מיט מאַטעריע אַנשטאָט גייסט, מיט אונטערדריקונג אַנשטאָט פריי־הייט, מיט אומגלייכהייט אַנשטאָט גלייכהייט, מיט ברוטאַליטעט

אַנשטאָט מענשלאַכקייט. און דערפאַר איז די וועלט היינט צו טאָג ווייטער ווי ווען עס איז פריער פון גאולה. דערפאַר די ווערטער פון חנינה:

און אַלע קלאָגן, און אַלע פרעגן:\
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —\
און אויב ניט אַלע — קלאָג איך איינער:\
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —\
איינער, אַ בעל חשבון, מוז דאָך פרעגן:\
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —\
איינער, אַ בעל חשבון, מוז דאָך פאַרענטפערן:\
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —

„גאולה קאָמעדיע" איז דער נאָמען פון לייוויק'ס ווערק.

חנינה'ס קלאָגן און פרעגן איז אַן אָנזאָג אויף גאולה, און דערקלערט דאָס ערשטע וואָרט פון דעם נאָמען: גאולה קאָמעדיע.

חנינה'ס ענטפער, חנינה'ס שרעק פאַרן נביא ארמילוס, וועמעס קול איז „דאָס קול פון אַלעמען, דאָס קול פון כלל", חנינה'ס אויספירונג פון ארמילוסעס באפעל:

„אַ מחיצה איז נאָך אַלץ דאָ צווישן דיר און אונדז.\
די מחיצה איז — בן יוסף.\
צערייס, צעהאַק זי, די מחיצה — טרעט אריין\
אין דיין דערוואַרטן קעניגרייך פון זכאי" —

שאַפט די קאָמעדיאַלישקייט פון דער גאולה און דערקלערט דאָס צווייטע וואָרט פון דעם נאָמען: גאולה־קאָמעדיע.

די געשעעניש פון דעם 25טן אויגוסט, 1936, וועט פריער אָדער שפּעטער פירן צום אויפשטיין פון נייע חנינהס, וואָס איבער זיי וועלן די ארמילוסעס ניט האָבן קיין שום שליטה. זיי וועלן אונטער קיין שום אומשטענדן ניט פאַרגיסן דאָס בלוט פון די שוין באזיגטע בן יוספס. דערמיט וועלן זיי געבן דעם שטאַרקסטן און אנטגילטיקסטן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס טוט מען מיטן בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן?

מיין גלויבן איז איצט נאָך שטאַרקער ווי ווען עס איז, אַז דער באָלשעוויזם, אויף ווי ווייט ער גייט דורכאויס אין די פוס־טריט פון מאַרקס און ענגעלס, וועט ניט קאָנען זיין דער יעניקער וואָס וועט ארויספירן דאָס רוסישע פאָלק פון מדבר אינם לאַנד „וואָס טריפט מיט מילך און האָניק". ניט דורך אים וועלן די פראָלע־

טאַריער פון רוסלאַנד און פון דער גאָרער וועלט פאַרלירן זייערע קייטן. ניט דורך אים וועלן זיי „געווינען די גאַנצע וועלט". און ניט נאָר דער באָלשעוויזם, נאָר יעדע איינציקע ריכטונג אין דעם סאָציאַליזם, וואָס וועט פירן דעם קלאַסן־קאַמף נאָר אויף דער ליניע פון אַן עקאָנאָמישן דעטערמיניזם און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וועט ניט דערפירן צו דעם סאָציאַליזם, וואָס דאַרף באַטאָנען: פרייהייט און גערעכטיגקייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט.

***

ווענן דער פאַרבינדונג פון באָלשעוויזם מיטן מאַרקסיזם, האָב איך אין דער אַרבעט „מאַרקסיזם אין ליכט פון קולטור" געשריבן:

דער מאַרקסיזם שטעלט אוועק אין פאָדערגרונט פון דער מענשלאַכער אַנטוויקלונג די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע, און ניט די גייסטיקע דערהויבנקייט.

אין זיין „עטיק" זאָגט אונז קאַוטסקי, אַז פון איצט אָן און ווייטער בילדעט דער טעכנישער פּראָגרעס דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון מענש. אויף אים רוט אַלץ מיט וואָס דער מענש אונטערשיידט זיך פון דער חיה.

אין דער מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישער טעאָריע און אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס ווערט איינגעשטעלט, על פי דעם מאַרקסיסטישן שולחן ערוך, איז די מאַשין די סאַמע ערשטע און וויכטיקסטע זאַך, דער מענשלאַכער גייסט דאָס סאַמע לעצטע און אומוויכטיקסטע. דאָרט וואו דער מענשלאַכער גייסט ווערט שוין יאָ גענומען אין אַנבאַטראַכט, איז עס זיין ראַציאָנאַלער טייל, דער טייל, וואָס קאָן אויף אַ קאַלטבלוטיקן אופן אַלץ אויסרעכענען און אַלץ אויסחשבונען, און ניט דער איראַציאָנאַלער טייל פון גייסט, וואָס אַ דורכגעדרונגענער מיט ווילן, געפילן און אימפּולסן, אָן חשבונות און אָן אויסרעכענונגען, טרעפט ער זייער אָפט צום פּונקט דורך אינסטינקט און אינטואיציע.

ענגעלס, למשל, דענקט, אַז אונטער אַ סאָציאַליסטישער אָרד־נונג וועט די געזעלשאַפט גרינג קאָנען באַשטימען וויפיל שטונדן אַרבעט עס זיינען פאַראַן אין אַ דאַמף־מאַשין, וויפיל אין אַ העקטאָ־ליטער ווייץ, וויפיל אין הונדערט אַרשין געוואַנט. זי וועט יעמאָלט קאָנען וויסן וויפיל אַרבעט יעדע זאַך, וואָס ווערט באַנוצט, פאָדערט פאַר איר פּראָדוצירונג. זי וועט קאָנען דירעקטירן דעם פּלאַן פון פּראָדוקציע אין איינקלאַנג מיט די מיטלען פון פּראָדוקציע. דערביי זאָגט ענגעלס אויסדריקלאַך, אַז די אַרבעט־קראַפט פונם מענשן איז אַ טייל פון די פּראָדוקציע־מיטלען. (אַנטי דיורינג.)

אַזוי און ניט אַנדערש מוז שוין זיין דער שטאַנדפּונקט פון יעדן איינעם, וואָס שווערט טריהייט צו דעם עקאָנאָמישן דעטער־מיניזם און צום מאַטעריאַליסטישן ראַציאָנאַליזם.

די מענשלאכע ארבעט־קראפט, און די קראפט פון מענשלאכן גייסט ווערן אוועקגעשטעלט אין דער זעלביקער ליניע מיט די פראדוקציע־מיטלען. די ארבעט־שעה'ן, וואס פאדערן זיך אויף דער פראדוקציע פון זאכן, וועלכע א מענש געברויכט, ווערן געמאסטן אקוראט אזוי ווי דער מענש זאל ווירקלאך זיין א מאשין, אקוראט אזוי ווי די מענשלאכע ענערגיע זאל אינגאנצן ניט אפהענגען פון ווילן און געפילן, פון געמיטן און שטימונגען.

מענשלאכע ארבעט ווערט אידענטיפיצירט מיט די פראדוקציע־מיטלען, אקוראט אזוי ווי מענשן וואלטן גארניט געשאפן קיין זאכן, וואס זייער ווערט קאן פון קיינעם אין דער וועלט ניט געוואויגן ווערן. אקוראט אזוי ווי א מאמענט ארבעט, ביי וועלכער דער מענש שטעלט איין זיין לעבן, קאן, אויף וועלכן עס איז אופן, פארגליכן ווערן אין לענג פון צייט און אין ווערט פון לעבנס־מיטלען מיט אנדערע ארבעטן, וואס זיינען פון א ווייניקער ריזיקאלישן כאראקטער.

און ווי עס זעט אויס אין ליכט פון ציוויליזאציע דער הייליקער ציל, דער סאציאליזם, אזוי מוז, אויף א נאטירלאכן אופן, אויך אויסזען דער קלאסן־קאמף — דער וועג, וואס פירט צום סאציאליזם.

אין ליכט פון ציוויליזאציע, וואס שלאגט אירע טיפעווארצלען אינם עקאנאמישן דעטערמיניזם און מאטעריאליסטישן ראציאנאליזם, מוז דער קלאסן־קאמף פארשטאנען ווערן אלס א קאמף צווישן צוויי קלאסן: איינער, וואס באזיצט די פראדוקציע־מיטלען; דער צווייטער, וואס באזיצט זיי ניט. דאס פירט צום גלויבן, אז אינם מאמענט, ווען די געזעלשאפט וועט ווערן די באזיצערין פון די פראדוקציע־מיטלען וועלן מער ניט זיין קיין קלאסן אין דער געזעלשאפט. אין דער אייגענער צייט וועט אויך פארשווינדן דער קלאסן־קאמף, און אין יעדן ווינקל פון דער געזעלשאפט וועט הערשן אחדות און חבר'שאפט. דער קלאסן־אנטאגאניזם איז דאך, לויט מארקסן, ניט קיין פועל־יוצא דערפון, וואס עס עקזיסטירן אומצייליקע גראדן פון אומגלייכהייט אין דער געזעלשאפט, נאר דערפון, וואס עס זיינען פאראן באזיצער און ניט־באזיצער פון פראדוקציע־מיטלען. אזוי שנעל ווי די פראדוקציע־מיטלען, דער מארקסיסטישער קוואל פון אל דאס גוטס און בייז אין דער געזעלשאפט, ווערן רעקווירירט און מאנאפאליזירט פון דער געזעלשאפט און הויבן אן פון איר אלס גאנצעס אפעירירט צו ווערן, בלייבט ניט קיין סימן פון דעם דאזיקן אנטאגאניזם.

דער מארקסיזם, וואס שרייבט צו אלע צרות (און אלע ברכות) פון דער געזעלשאפט צו די פראדוקציע־מיטלען, קאן זיך ניט פארשטעלן, אז אינם קלאס, וואס באזיצט און באהערשט דעם בור־

זשואַזן קלאַס, קאָן נאָכן זיג אַנטשטיין אַ נייע שפּאַלטונג אין צוויי אָדער מער קלאַסן, מיט אַ שפּאָגל נייעם אַנטאַגאָניזם.

דער מאַרקסיזם זעט דעם וואָרצל פון די סאָציאַלע אומגליקן אין דער עקספּלואַטאַציע פון איין מענשן דורכן אַנדערן — דורך דעם בעל־הבית פון די פּראָדוקציע־מיטלען. ער איז לגמרי בלינד צו די בייזוויליגקייטן, וואָס וואָרצלען אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אומגלייכהייט צווישן מענש און מענש דווקא אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט די גאַנצע דעה איבער די פּראָדוקציע־מיטלען. דעריבער מוז ער זען אין דעם געזעלשאַפטלאַכן באַזיץ פון די פּראָדוקציע־מיטלען די גאַנצע גאולה.

גלויבט שוין איינער אינם שטאַרקן כשוף פון די פּראָדוקציע־מיטלען, מוז ער שוין אויך אַ לאָגיש־קאָנסעקווענטן אופן אַוועקשטעלן פאַר זיך אַלס דעם באַלדיקן ציל פון דעם סאָציאַלן איבערקער די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע. דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קודם כל אָנשטרענגען זיינע כחות דערויף, אַז די פּראָדוקטיוויטעט זאָל דערגרייכן דעם העכסט מעגלאַכן גראַד פון אינטענסיווקייט.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף, לויט מאַרקס און ענגעלס, באַנוצן זיין פּאָליטישע הערשאַפט אויף דריי זאַכן: ערשטנס, אויף ארויסצורייסן ביסלאַכווייז דעם גאַנצן קאַפּיטאַל פון דער בורזשואַזיע. צווייטנס, אויף צו קאָנצענטרירן אַלע פּראָדוקציע־אינסטרומענטן אין די הענט פונם שטאַט, דאָס הייסט, אין די הענט פון דעם הערשענדן קלאַס; דריטנס, אויף צו פאַרמערן אַזוי שנעל ווי מעגלאַך די קרעפטן פון פּראָדוקציע.

וועגן דער נויטיגקייט פון גלייכער פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטן צווישן די מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־קלאַס; וועגן דער אויפגאַבע צו מאַכן אוממעגלאַך פאַר איין טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט צו ווערן פּריווילעגירט לגבי דעם אַנדערן טייל; וועגן דער געפאַר, אַז דער פּריווילעגירטער קלאַס זאָל אין זיינע אינטערעסן אונטערדריקן דעם ניט־פּריווילעגירטן; וועגן דער מעגלאַכקייט, אַז די קנאה און שנאה, וואָס אַן אומגלייכהייט וועט ארויסרופן, זאָל פירן צו אַ נייעם אַנטאַגאָניזם, — וועגן אַזעלכע און ענלאַכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט און גלייכהייט, האָט מאַרקס ניט געטראַכט.

דעם מאַרקסיזם גייען אָן צוויי זאַכן: ערשטנס, די הערשאַפט פונם אַרבעטער אין די אינטערעסן, נאַטירלאַך, פון דעם אַרבעטער־קלאַס (וועגן צוויי אָדער מער קלאַסן, מיט באַזונדערע און קעגנזעצלאַכע אינטערעסן, חלומט גאָרניט דער מאַרקסיזם); צווייטנס, דער אָנטרייב פון דער פּראָדוקציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

די אינטערעסן פונם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז פון דער עקאָנאָמיש־היסטאָרישער נויטווענדיגקייט באַשטימט געוואָרן אויסצו־

לייזן די וועלט פון אלע אירע פלאגן און מאטערנישן, ווערן פון דעם מארקסיזם אוועקגעשטעלט העכער איבער אלץ אין דער וועלט. אלץ, וואס איז געווען הייליק און טייער דעם מענשן, מוז פאלן צו די פיס פאר די דאזיקע אינטערעסן. און, היות ווי די דערהויבונג פון דעם גאנצן ארבעטער־קלאס, ווי ער שטייט און גייט, צו הערשאפט און געוועלטיקונג, איז דער פועל־יוצא פון די עקאנאמישע פאר־העלטנישן, מוזן ממילא אלע אידעאלן און באשטרעבונגען פון דעם מענשן זיך בוקן פאר דער מאיעסטעט פון אלץ, וואס האט אויף זיך דעם עטיקעט פון עקאנאמישע קרעפטן.

דער עקאנאמישער דעטערמיניזם האט בלינד געמאכט דעם מארקסיזם צו ריין־מענשלאכע אידעאלן, וואס שטייען העכער איבער די היסטארישע אינטערעסן פונם פראלעטאריאט. דער מארקסיס־טישער סאציאליזם וויל ניט וויסן פון די ריינע אדער אבסאלוטע אידעאלן פון גערעכטיגקייט, פרייהייט, גלייכהייט און שיינקייט. דער ארבעטער האט געדארפט קעמפן מיט אלע זיינע כחות קעגן די אונטערדריקונגען פון די קאפיטאליסטן. ער האט זיך געמוזט איינשטעלן פאר דער פרייהייט פון ווארט און שריפט אונטער דעם קאפיטאליסטישן סיסטעם, לפנים ווענן, אין דעם נאמען פון פריי־הייט. אבער אין תוך גענומען איז דאס, על פי דעם עקאנאמישן דעטערמיניזם, געווען ניט מער ווי א קאמף פאר עפעס, וואס האט געדינט די הייליקע אינטערעסן, ווי זיי ווערן אויסגעטייטשט און פארשטאנען פון דעם אוואנגארד פון דעם ארבעטער־קלאס — פון די וואס האבן די מאכט אין זייערע הענט. און אויב די דאזיקע אינטערעסן פאדערן, אז די פרייהייט זאל אין תפיסה זיצן, איז דאס די הייליקע פליכט פון די מאכט־האבער, אין די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס, זי אהין אזוי ארייננצושפארן, אז זי זאל שוין מער ניט אנקוקן די ליכטיקע שיין.

מען האט עס דעריבער געקאנט דערווארטן, אז אונטער דעם באלשעוויסטישן רעזשים, ווי אונטער יעדן אנדערן רעזשים, וואס וועט, ווי דער באלשעוויסטישער, זיין דער פולער אויסדרוק פון דער מארקסיסטיש־סאציאליסטישער טעאריע, זאל טאקע די פריי־הייט זיין אין גלות.

די ווירקלאכקייט פון דעם באלשעוויזם איז אזא, און נאך אן ערגערע איידער עס האבן דערווארט און פאראויסגעזאגט די, וואס האבן זיך לכתחילה געשטעלט קריטיש צום סאציאליזם.

די באלשעוויסטישע טאקטיק פון אומדערבארמלאכער אונ־טערדריקונג פון פרייהייט פון ווארט און שריפט שטימט צונויף אין זין און אין גייסט מיט דעם מארקסיסטישן סאציאליזם, וועלכער, ווי מיר האבן שוין געזען, רעכנט זיך ניט מיט דער פרייהייט „פער סע”, נאר מיט דעם, אויף וויפיל זי דינט די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס. און ווער, אויב ניט דער אוואנגארד פון

דעם ארבעטער־קלאַס, קאָן מאַטעמאַטיש אויז פּינקטלאַך באַשטימען, וואָס איז יאָ און וואָס איז ניט גוט אין די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאַס? ווער, אויב ניט דער טייל זיינער, וואָס האָט זיך, לויט די אייזערנע געזעצן פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם, אַוועקגעשטעלט ביי דעם רודער פון דער מלוכה?

דער פאַקט אליין, וואָס זיי שטייען ביי דעם רודער, איז פאַר די באָלשעוויקעס דער גרעסטער באַוויז, אַז זיי זיינען דאָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך די אייזערנע געזעצן פון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. עס איז דעריבער זייער הייליקע פליכט אונטער אייזערנע גראַטעס אַוועקצוזעצן די יעניקע, וואָס שטעלן זיך קעגן דער געזעצלאַכקייט פון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. דער עקאָנאָמישער שיקזאַל האָט באַשטימט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן פירן און דורכפירן די רעוואָלוציע, איז עס דעריבער לאָגיש אַז אַלע די וואָס דענקען, אַז די רעוואָלוציע דאַרף אַנדערש געפירט ווערן, זאָלן באַטראַכט ווערן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, מעגן זיי נאָך מער אפילו פון די באָלשעוויקעס האָבן צום הארצן די אינטערעסן פון דעם ארבעטער.

וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אפילו מיליאָנען הערצער, ווען עס האַנדלט זיך מכח אַ מאַטעריאַליסטיש־געשיכטלאַכן געזעץ? דאַרף מען דען נאָך האָבן אַ בעסערן באַוויז, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, ווי דער פאַקט, וואָס אַזוי איז עס?

פליכט, על פּי מאַרקסן, איז דאָך ניט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס איז, אָדער מוז זיין. זאָגן פאַרקערט, אַז עס דאַרף און זאָל אַזוי זיין, ווייל די פליכט דיקטירט עס, הייסט דאָך שוין רעדן אויף דער שפּראַך פון אידעאַליזם, אַ שפּראַך, וואָס פאַר אים האָט דער מאַרקסיזם ניט קיין אויערן.

דאָס, אַלזאָ, וואָס באָלשעוויקעס, און ניט קיין אַנדערע פּריינט פון די ארבעטער, זיינען די פּיאָנערן פון דער נייער אָרדנונג, גיט זיי דאָס רעכט, לייגט ארויף אויף זיי אַ פליכט, אויסצוראָטן אויף אַלערליי אופנים אַלע, וואָס שטעלט זיך אין וועג די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע און פון דעם ארבעטער־קלאַס.

דר. מוקדוני האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז רעדנדיק מיט איינעם פון די הויפּט־פאָרשטייער פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים מכח די פאַר טויזנט פויערים, וואָס זיינען געשאָסן געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט נאָכגעקומען דעם באָלשעוויסטישן דע־קרעט וועגן דער קאָנפיסקאַציע פון זייערע תבואות, האָט אים דער פאָרשטייער געזאָגט: „דאָס איז ניט דער ערשטער טעות, וואָס די געשיכטע האָט געמאַכט, און דאָס וועט אויך ניט זיין דער לעצטער. די געשיכטע איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר אונזערע מעשים”.

אָט אַזוי רעדן מענשן, וואָס גלויבן אין געשיכטלאַכער דעטער־מינאַציע, דערהויפּט ווען די דעטערמינאַציע איז אַ רעזולטאַט פון

א מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג. אויף אַזאַ אופן קאָנען די דאָזיקע מענשן מיט דעם ריינסטן געוויסן איבערשטייגן אין רעפּרע־סיעס פון פרייהייט און אין דער אויספירונג פון דעקרעטן דעם ברוטאַלסטן דעספּאָטיזם.

ווי מיט דער פרייהייט אַזוי אויך מיט סתם מענשלאַכקייט, מיט מאָראַלישער אויפפירונג. ניטאָ קיין מענשלאַכקייט, אַן און פאַר זיך; ניטאָ קיין מאָראַל, וואָס זאָל זיך באַציען אויף דעם בורזשוא ווי אויף דעם אַרבעטער. אַזאַ זאַך, ווי אַן אַלגעמיין־מענשלאַכע טאַט אָדער אויפפירונג איז ניט שייך. די מאָראַליש־קייט אָדער מענשלאַכקייט פון אַן אַקט הענגט אָפּ, על פּי דעם מאַרקסיזם און דעם באָלשעוויזם, פון דעם צעטעלע, וואָס איז אויף אים אַרויפגעקלעפּט. דער זעלבער אַקט, וואָס איז אומ־מענשלאַך, אוממאָראַליש, ווען ער טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל בורזשוא, קאָן זיין מענשלאַך און מאָראַליש, ווען ער ווערט אַרויפ־געקלעפּט אויף אים אַ נייער חותם, וואָס פון אים לייכטן אַרויס די אותיות „אַ־ר־ב־ע־ט־ע־ר״.

און אויב עס איז אַזוי מיט פרייהייט און מענשלאַכקייט, מיט רעכט און גערעכטיגקייט, פאַר וואָס זאָל עס אַנדערש זיין מיט דער גלייכהייט? די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גלייכהייט איז קיינמאָל ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אַ ציל פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. זי איז קיינמאָל ניט באַטראַכט געוואָרן, ניט פון מאַרקסן און ניט פון ענגעלסן, ווי דאָס קערנדל פון דער נייער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג״.

ב.

אַזוי איז עס געווען מיט דרייצן יאָר צוריק, ווען די אויבן־געבראַכטע פּאַראַגראַפן זיינען געשריבן געוואָרן. נאָך ערגער איז עס איצט. די עקאָנאָמישע אומגלייכהייט, די גייסטיקע פאַרשקלאַ־פונג, די שטאַטלאַכע דעספּאָטיע דראָען מיט גרויס געפאַר פאַר דער גאַנצער מענשהייט. דער סאָוועטישער קאָמוניזם, צוליב דעם געננגסטערייזם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דעם 25טן אויגוסט, 1936, הויבט אָן צו ווערן אַ שרעק־בילד נישט נאָר פאַר דער בור־זשואַזיע און פאַר די רעאַקציאָנערע כחות, ווי דאָס איז געווען דער קאָמוניזם בעת קאַרל מאַרקס האָט געשריבן זיין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, נאָר אויך פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט און פאַר די מענשן, וואָס קאָנען ניט פאַרטראָגן בעסטיאַ־ליטעט אין אַ מענשלאַכער געשטאַלט.

ווער זשע קאָן ראַטעווען? ווער זשע וועט סוף כל סוף ראַ־טעווען רוסלאַנד ווי אויך די גאַנצע וועלט פון די אומגליקן פון דער ברוטאַליטעט, וואָס שטייגט איצט אין רוסלאַנד פון טאָג צו

טאָג? און װער װעט ראַטעװען פֿון דער ברוטאַליטעט אין די לענדער, װאָס װילן אַנטקעגנשטעלן אַ בעסטיאַלן נאַציזם אָדער פֿאַשיזם דעם סאָװעטישן קאָמוניזם, אָננעמענדיק אים פֿאַר דעם קאָמוניזם פֿון אַמאָל, װאָס האָט באמת געגעבן די אַרבעטער האָפֿע־נונג אויף סאָציאַלער דערלייזונג?

אויף דער פֿראַגע: װער אָדער װאָס װעט אונז ראַטעװען פֿון דעם איצטיקן סאָציאַלן שלעכטס — מוז יעדער ראַדיקאַל־פּראָגרע־סיװער מענש ענטפֿערן: די סוף־כל־סופֿיקע רעטונג ליגט אין סאָציאַליזם.

קיין שום נייע װענדונג אין דעם קאַפּיטאַליזם קאָן ניט ברענגען דער מענשהייט אָט די סאָציאַלע פֿרייהייט און עקאָנאָמישע גלײַכ־הייט, װאָס אָן זיי קאָן זי שוין נישט מער צו־לאַנג עקזיסטירן, און װאָס פֿאַר זיי װעט זי קעמפֿן אַפֿילו װען דער דאָזיקער קאַמף זאָל דראָען מיט אונטערגאַנג. אין זײַן דיאַגנאָז און פּראָגנאָז פֿון דעם קאַפּיטאַליזם איז קאַרל מאַרקס געװען גערעכט, און דאָס איז דאָס אייביק־בלײַבנדיקע אין דעם מאַרקסיזם. אויף װיפֿיל מאַרקס װעט זיכער בלײַבן גערעכט אין זײַן אורטייל װעגן דעם קאַפּיטאַ־ליזם, אויף אַזוי פֿיל װעט דער ענטגילטיקער סאָציאַליזם, װאָס װעט געבויט װערן אויף די חורבות פֿון קאַפּיטאַליזם, אַלעמאָל צוריק־געפֿירט װערן צו קאַרל מאַרקס, װי ער אַליין װערט צוריקגעפֿירט צו די נביאים.

עס איז שוין אָבער אויך קלאָר, אַז די ביז־איצטיקע ריכטונגען אין דעם סאָציאַליזם, דערהויפּט די שטרענג־מאַרקסיסטישע, װאָס האָבן געזען די רעטונג בלויז אין דער סאָציאַליזירונג פֿון די פּראָ־דוקציע־מיטלען, װעלן ניט ברענגען די סאָציאַלע דערלייזונג. האַנט אין האַנט מיט דער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פֿון די מיטלען פֿון פּראָדוקציע װעט אויך מוזן גיין די פֿאַרטיפֿונג פֿון דעם באַדייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכקייט אין דעם זין פֿון מער און ניט װייניקער פֿרייהייט, מער און ניט װייניקער גלײַכהייט, מער און ניט װייניקער מענשלעכקייט, פֿון טיפֿערער אָנשטאָט פֿלאַכערער גייסטיגקייט, פֿון העכערע אָנשטאָט נידעריקערע װערטן, פֿון שטאַרקערע אָנשטאָט שװאַכערע אימפּעראַטיװן.

אָט פֿאַר דעם אַלץ שטעלט זיך איין דער ניי־סאָציאַליזם.

דער ניי־סאָציאַליזם זאָגט שאַרף און קלאָר, אַז כּל זמן דער מאַרקסיזם, מיט זײַן עקאָנאָמישער דעטערמינאַציע און זײַן באַגריף פֿון מאַטעריאַליזם אין דער געשיכטע, װעט באַהערשן די נשמות פֿון די, װאָס שטרעבן צו אַ סאָציאַלן איבערקער; כּל זמן מען װעט זיך רעכענען מער דערמיט, װאָס דער אינטעלעקט קאָן דערגרייכן, איידער דערמיט, װאָס די נשמה קאָן דערגרונטעװען; כּל זמן מען װעט קאָנצענטרירן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף די באַקװעמלעכקייטן

פון דעם גוף, מער איידער אויף דער קולטור, וועט אין יעדן לאַנד מוזן געשען נאָך דער רעוואָלוציע דאָס, וואָס עס איז געשען אין רוסלאַנד.

און דאָס וואָס עס איז געשען אין רוסלאַנד מאַכט אוממעגלאַך פאַר איר צו קריגן די סימפּאַטיע פון די אַרבעטער, פון די פּראָגרעסיווע און די ראַדיקאַלע מענשן, אין אַנדערע לענדער. עס ווערט אוממעגלאַך פאַר איר אַנצושטעקן די וואָס ליבן די פרייהייט און גלייכהייט מיט דעם גרויסן ענטוזיאַזם, וואָס וואָלט געשאַפן די קראַפט, וועלכע איז איצט אַזוי נויטיק אויף אָפּצושטעלן דעם גאַנג פון נאַציזם און פאַשיזם.

דאָס ערגסטע וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן איז דאָס, וואָס דער נאַציזם און פאַשיזם קאָנען איצט מיט די מעשים תעתועים וואָס קומען פאָר אין רוסלאַנד שטעכן די אויגן פון דעם פּראָגרעסיוון און ראַדיקאַלן טייל פון דער מענשהייט. כדי צו ראַטעווען זיך פון אָט דער אויגן־שטעכעניש, מוז דער ראַדיקאַליזם אויפהערן ציען זיין יניקה פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם, פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט קיינמאָל ניט געלייגט קיין גרויס געוויכט ניט אויף דער פּערזענלאַכער פרייהייט און ניט אויף דער עקאָנאָמישער גלייכהייט. אַ באַפרייטער פון די דאָזיקע שווערע קייטן, וועט דער ראַדיקאַליזם אין דער נאָענטסטער צוקונפט ארויסגעבן פון זיך פירער, וואָס וועלן עס באַטראַכטן פאַר דער גרעסטער פאַרשווערונג צו שטעמפּלען אַלס סאָציאַליסטיש אַן אָרדנונג, וואָס פאַרלייקנט אי די פרייהייט אי די גלייכהייט.

דער ניי־סאָציאַליזם באַשטייט אויף דעם, אַז דער איצטיקער ראַדיקאַליזם איז געוואָרן קאָנסערוואַטיוו; אַזוי אַרום ווערט ער אויך מער און מער רעאַקציאָנער, און טרייבט די אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט ריקוועדטס. דער איצטיקער ראַדיקאַליזם דאַרף ראַדיקאַליזירט ווערן, מוז דורכגיין אַ שטרענגע רעוויזיע. ער מוז דורכמאַכן אַ רעוואָלוציע, אַן אמת'ע.

דער ניי־סאָציאַליזם, קוקנדיק אויף די וועלט־געשעענישן דורך די ברילן פון קולטור, געפינט אַז עס איז פאַראַן נאָר איין־און־איינציקער וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם קלאַסן־אַנטאַגאָניזם נאָך אַ סאָציאַלן איבערקער. דער וועג איז: לייגן געוויכט ניט אויפן מאַקסימום פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויף דער גערעכטיגקייט פון פאַנאַנדערטיילן די פּראָדוקטן. גערעכטע פאַנאַנדערטיילונג מיינט גלייכע פאַנאַנדערטיילונג. פּאַראַלעל צו דער גלייכער פאַנאַנדערטיילונג מוז גיין די אַבסאָלוטע פרייהייט פון אויסדרוק אויף אַלע געביטן פון קולטור.

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" זאָגט אונז, אַז דער חילוק צווישן אַ בורזשואַזער געזעלשאַפט און אַ קאָמוניסטישער באַשטייט

אין דעם, וואָס אין דער בורזשואזער געזעלשאַפט איז די לעבעדיקע ארבעט נאָר אַ מיטל אויף צו פאַרמערן די אָנגעזאַמלטע ארבעט, בעת אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז זי נאָר אַ מיטל אויף צו פאַרברייטערן, באַרייכערן און פאַרשענערן די עקזיסטענץ פון דעם אַרבעטער.

מיר קאָנען זיך שוין אָבער היינט צו טאָג פאָרשטעלן, אַז אין די אינטערעסן פון דער אָנגעזאַמלטער אַרבעט גופא, אין די אינ־טערעסן הייסט עס פון קאַפּיטאַל אַליין, זאָל זיך עס לוינען דער בורזשואזער געזעלשאַפט אַזוי צו פאַרברייטערן, אַזוי הויך און שיין מאַכן דעם אַרט לעבן פון די אַרבעטער, ווי וועלכע עס איז סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאַפט וועט עס ווען־עס־איז קאָנען באַווייזן. פונ־דעסטוועגן, וועט די בורזשואזע געזעלשאַפט פון אַ קולטור־שטאַנד־פּונקט אַלעמאָל פאַרדאַמט ווערן, ווייל דער קולטור גייט עס ניט אין דעם אויסערלאַכן פּראַכט און גלאַנץ, אין מער אָדער ווייניקער באַקוועמלאַכקייטן און לוקסוסן. איר גייט עס אין דער אינערלאַכער איבערלעבונג, אין דעם אינערלאַכן פילן פון גליקזעליגקייט.

אויף וויפיל עס איז אמת, אַז דער געזונטער גייסט נויטיקט זיך אין אַ געזונטן קערפּער, איז אויך די קולטור פאַראינטערעסירט דערין, אַז די געזעלשאַפט זאָל האָבן גענוג ברויט מיט פּוטער און קאַרטאָפל מיט שמאַלץ פאַר אירע מיטגלידער. די קולטור לאָזט אָבער אויך פון אויג ניט אַרויף דעם פאַקט, אַז דער גוף פון אַ הערקולעס איז דוקא ניט קיין גייסטיקער מעדיום, וואָס דורך אים זעצט זיך דורך דער גייסט פון אַ שפּינאָזאַ אָדער אַ קאַנט, פון אַ געטהע אָדער אַ טאַגאָר. דערפאַר דאַרף דער גייסט גאַנץ באַזונדער צוגעזען ווערן, ער דאַרף ווי דער שוואַרץ־אַפּעל פון אויג אָפּגעהיט ווערן, כדי די ליכטיגקייט פון דער וועלט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן.

עס איז דעריבער זייער נויטיק און דרינגענד, אַז דאָס ביסל ברויט מיט פּוטער און קאַרטאָפל מיט שמאַלץ, וואָס די געזעלשאַפט פאַרמאָגט, זאָל גלייך פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן אירע מיט־גלידער, כדי צו שאַפן די באַדינגונגען פאַר אַ נייעם לעבנס־געפיל. ציוויליזאַציע קאָן געמאָלט זיין אונטער אומגערעכטיגקייט און אונ־טערדריקונג, אָבער קולטור קאָן ניט געמאָלט זיין אונטער אַזעלכע אומשטענדן. די קולטור איז ניט, ווי די ציוויליזאַציע, בלויז אַ פּראָדוקט פון דעם אינטעלעקט. אין איר טרעפן זיך צונויף אַלע אויסגוסן און אויסדרוקן פון דער נשמה. קולטור אידענטיפיצירט זיך מיט אַזעלכע אויסדרוקן פון גייסט, ווי גערעכטיגקייט און פרייהייט, מאָראַל און עסטעטיק, אמת און גוטסקייט.

די לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר ווערט די קולטור מער און מער פאַרשלונגען פון דער ציוויליזאַציע. און ווען קולטור ווערט

באהערשט פון ציוויליזאציע, ווערט גייסט באהערשט פון מאטעריע, נשמה פון גוף, מענשלאכקייט פון חיה'שקייט. אן אויסדרוק פון ציוויליזאציע און מאטעריע, גוף און חיה'שקייט איז די געשעעניש פון דעם 25טן אויגוסט, 1936, אין א לאנד וואס פרעטענדירט צו ברענגען די סאציאלע דערלייזונג.

ברודער־מארדן און אנדערע אזעלכע געשעענישן וועלן אוועק־שטויסן פון דעם איצטיקן סאוועטיזם און פון דעם גאנצן מארק־סיסטישן סאציאליזם יעדן איינציקן, וואס ליבט די פרייהייט און דורשט נאך גלייכהייט. עס מוז דעריבער אנטשטיין א נייער סאָ־ציאליזם — א סאציאליזם וואס זאל לאזן קולטור געוועלטיקן איבער ציוויליזאציע, פרייהייט איבער אונטערדריקונג, גלייכהייט איבער אומגלייכהייט. אזא סאציאליזם קאן ניט געבראכט ווערן דורך דיקטאטור, דורך דעספאטישער אונטערדריקונג און דורך שטאט־לאכער אויטאקראטיע. א דיקטאטור, וואס ווערט באזיגן א דיק־טאטור, ווערט באלד אליין באזיגט ווערן פון אן אנדער דיקטאטור.

עס ווערט געשען, ווי עס דערציילט זיך אין דעם מעשה'לע „חד גדיא": די קאץ — דאס ציגעלע; דער הונט — די קאץ; דאס שטעקעלע — דעם הונט, און

פליט ארויס פון ערגעץ וואו
און באפאלט דעם שטאק
א פייערל מיט רויטינקע
ציינגעלאך א שאק;
מיט ציינגעלאך ווי שלענגעלאך
צישט עס און פארברענט
דאס שטעקעלע וואס האט דא ערשט
געבראכן רוק און לענד.*)

און אזוי — ביז דער כביכול וועט דעם טויט אליין אויף טויט שעכטן; ביז, הייסט עס, די דיקטאטור וועט אויף אייביק פאלן טויט פון די הענט פון דער דעמאקראטיע — פון דער פראָ־לעטארישער דעמאקראטיע.

נאר דעמאקראטיע אין דעם פולסטן זין פון ווארט קאן אויף שטענדיק באזיגן א דיקטאטור. נאר דורך דער פולסטער דעמאָ־קראטיע ווי א מיטל און קולטור־סאציאליזם אלס ענד־ציל וועט ווען עס איז קאנען איינגעפירט ווערן א סאציאלע ארדנונג, אין וועלכער יעדערער זאל קענען קומען צום שריפטלאכן און מינדלאכן ווארט און זאל געניסן פון אלץ וואס איז דא אין לאנד אזוי פיל,

*) פאראדישט פון י. ל. פרץ.

וויפיל יעדער אנדערער. נאָר אזא סאָציאַלע אָרדנונג וועט רעאַליזירן די האָפנונג פון די מאַסן אויף דעם סאָציאַליזם ווי אויף אַן אידעאַל וואָס דאַרף ברייננען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערלייזונג. נאָר אזא אָרדנונג וועט אָנפילן מיט זין דאָס געזאַנג פון פאָלק:

ווי אָוונט-זון — .גאולה-ווייַן, —
ער גייט אין בלוט אריין.
הויבט אויף דעם בעכער,
הויבט אויף דאָס קול נאָך העכער, —
קול פון מזרח,
קול פון מערב,
קול פון צפון,
קול פון דרום, —
די טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים.
אַן אָפענע די גאַנצע ערד, —
אוים — גרענעצן, אוים — שווערד,
אוים — אָרים-רייך. מיר גלויבן
אין מענש, — דעם מענש דערהויבן, —
מענש פון מזרח,
מענש פון מערב,
מענש פון צפון,
מענש פון דרום, —
די טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים.
(לייוויקס „גאולה קאָמעדיע”).